# דער יוד

# (DER JUDE)


צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאג: חברה „אחיאסף“.



דער פרייז פיר רוסלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב יאָהרליך —.3 רוביל:
פיערטעל יאָהרליך 1.50 רו״כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.



אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.6 פלארין,
האלביאָהריג —.3 „
פירטעליאָהריג 1,50 „
דייטשלאנד —.10 מארק,
ארץ ישראל —.12 פראנק,
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.



קראקויא, שבט תר״ס. נומר 2. Krakau. 18 Jänner 1900.


ה. תר״ס ← וואכען-קאלענדער (לוח) ← 1900

| די טעג פון חודש | וואָך | שבט (דעקאבר) יאנואר-סטיצען | נייער ס. יאנואר | אלט. ס. יאנואר |
|---|---|---|---|---|
| כא | זונטאג | | 21 | 9 |
| כב | מאנטאג | | 22 | 10 |
| כג | דינסטאג | | 23 | 11 |
| כד | מיטוואך | | 24 | 12 |
| כה | דאנערס. | | 25 | 13 |
| כו | פרייטאג | | 26 | 14 |
| כז | שבת | משפטים, מעבענשט ראש חודש אדר א׳. | 27 | 15 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| כב | ג תשצט | קיסר קאליגולא האט צוריק גענומען די גזרה פון אויפשטעלען זיין בילד אין בית המקדש. |
| כג | ה.תרכד | געשטאָרבען דער בערלינער רב ר׳ יחיאל מיכל זק״ש. |
| כד | ה.תר״ך | געשטאָרבען אין קרעמעניץ ר׳ יצחק בער לעווינזאהן (ריב״ל). |
| כה | ה.תרמג | געשטאָרבען אין קעניגסבערג הג׳ ר׳ ישראל ליפקין סאלאנטער. |
| כו | ה.רמ״א | זענען פערברענט געוואָרען אויף קדוש השם 17 אנוסים אין שפאניען. |

## אינהאלט:


א) דאָס פאָלק און די אינטעליגענץ. ד״ר ש. בערנפעלד.
ב) ציוניזם און פראָגרעס. (.)
ג) בריעף צו דער עלטער באבע. ב. שמואליק.
ד) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ה) צייטונגס-שטימען. א. ע.
ו) יודישע שטעדט און שטעדטליך. אמת.
ז) די יודישע וועלט.
ח) אלגעמיינע וועלט נייעס.
ט) מיין ליעד. געדיכט. מ. קאפלאן.
י) * * * געדיכט. א. רייזען.
יא) קאליקעס. ערצעהלונג. ס. ספעקטאר.
יב) יודישע געשיכטע. —ן.
יג) מיליאָנען. פעלעטאָן. שלום עליכם.



צו אבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE“, Krakau, Dietelsgasse 45.

אין ווארשא:
Verlag ,,Achiasaf“, Warschau, Postkiste Nr 25, mündlich: Twarda 6, Thür II.

אין וויען:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאָדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodz, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד“ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאָסט אונטער דער נומער:
1920 a Nachtrag VII.

# געזעלשאפט „כרמל“ ווארשא

אויסשליסליכער פערקויף פיר גאנץ רוסלאנד

# פון נאטירליכען וויין און קאניאק




דער עטיקעט איז בעשטעטיגט פון דער רוסישער רעגירינג.

וועלכער ווערד אויסגעארבייט

איז די וויינגערטנער

פון די

## יודישעקאלאניעם

אין

## ארץ ישראל

די מארקע איז בעשטעטיגט פון דער רוסישער רעגירונג.

„צו לויבען דעם כרמל-וויין און קאניאק איז גאנץ איבריג, ווייל זייא זענען שוין אנערקאננט פון די גראָססטע אבכליטע פיר איינציג נאטירליך און ריין און קעננען קאָנקורירען מיט דיא בעסטע פראנצאָזישע או אנדערע אויסלאַנדישע פיינסטע סאָרטען“.

הויפט-קאנטאר אין ווארשא, נאלעווקי נ״ 2, טעלעפאן נו׳ 1433.

אדרעססע פיר בריעף: **Товаричество Кармелъ Варшава.** פיר טעלעגראממען: **Варшава Кармелъ.**

אבטהיילונג פיר זיד-רוסלאנד אין אדעססא רישעליעוסקאיא אין דעם הויז פון ה׳ כארבאש:

אדרעססע פיר בריעף: **Товарищество Кармелъ Одесса.** פיר טעלעגראממען: **Одесса Кармелъ.**

צו אדעססער ראיאן געהערען די גובערניעס: חערסאן, קישיניעוו, יעקאטערינאסלאוו, פאדאלסק, קיעוו, חארקאוו, פאלטאווא, קרים און קאיקא

## אונזערע וויינען און קאניאקען בעקומט מען אין אלע וויינהאנדלונגען

☛ כדי צו בעווארנען כרמל-וויין און קאָניאקען פון נאכגעפעלשטע, פערקויפען מיר א זערע וויינען און קאָניאקען נור אין פלעשער פערזיגעלט מיט אונזער סטעמפעל און פערקניפט מיט דער פלאָמבע פון „כרמל“.

# „НИВА“

ДАЕТЪ ВЪ ТЕЧЕНІЕ

одного 1900 года

своимъ подписчикамъ

безплатно

Подписчики «НИВЫ» получатъ въ **1900** г.:

52 №№ журнала «НИВА» (до 1500 столбцовъ текста и 500 гравюръ),

12 ТОМОВЪ ПОЛНАГО СОБРАНІЯ СОЧИНЕНІЙ Н. В ГОГОЛЯ, которое будетъ **весьма значительно дополнено** матеріаломъ, не помѣщеннымъ въ послѣднихъ изданіяхъ соч. Гоголя, и будетъ отпечатано на хорошей **бѣлой глазированной** бумагѣ.

12 КНИГЪ «ЕЖЕМѢСЯЧНЫХЪ ЛИТЕРАТ. ПРИЛОЖЕНІЙ» (романы, повѣсти, разсказы, популярно-научныя статьи и проч. современныхъ авторовъ),

12 №№ «ПАРИЖСКИХЪ МОДЪ» (до **300 модныхъ** гравюръ по послѣднимъ фасонамъ лучшихъ мастеровъ),

**„ПОДПИСНАЯ ЦѢНА НИВЫ“**

на годъ со всѣми приложеніями:

| | |
|---|---|
| Безъ доставки въ СПБ. **5 р. 50 к.** | Съ перес. во всѣ города и мѣстн. Россіи . . . **7 р.** |
| Съ доставкою въ СПБ. **6 р. 50 к.** | |
| Безъ доставки: 1) въ Москвѣ, въ Конторѣ Н. Печковской **6 р. 25 к.**; 2) Въ Одессѣ, въ книжн. магаз. «Образованіе»—**6 р. 50 к.** | За границу—**10 р.** Разсрочка платежа въ **2** и **3** срока. |

ПОЛНОЕ СОБРАНІЕ СОЧИНЕНІЙ

# Н. В. ГОГОЛЯ

СЪ ПОРТРЕТОМЪ, ФАКСИМИЛЕ и АВТОГРАФОМЪ.

12 №№ **рукодѣльныхъ и выпильныхъ работъ и выкроекъ въ натуральную величину** (около 600 рисунк. и чертеж.).

**СТѢННОЙ КАЛЕНДАРЬ** на 1900 г., печатан. **красками.**

Подробное иллюстрированное объявленіе высылается безплатно.

Требованія адресовать въ Главную Контору журн. **«НИВА»**, С.-Петербургъ, **Малая Морская**, 22.

II. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 2.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ-יאהרליך —.5 רוביל.
האלב-יאהרליך —.3 רוביל,
פיערטעל-יאהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 "
דען 1טען אויגוסט — 1 "

ענדערען די אדרעססע קאסט 20 קאפ.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף".

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
עסטרייך-אונגארן —.6 פלארין,
האלביאהריג —.3 "
פירטעליאהריג 1,50 "
דייטשלאנד —.10 מארק,
ארץ ישראל —.12 פראנק,
אנדערע לענדער —.15 "
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט
10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

Krakau, 18. Jänner 1900. נומער 2. קראקויא, שבט תר"ס.

## דאס פאלק און די אינטעליגענץ.

אין דער לעצטער צייט איז ביי אונז אין דייטשלאנד פיעל דעריבער געשריבען געווארען, צו בעווייזען, דאס מיר יודען זענען נאך א פאלק, האטש מיר זענען צערשטרייט און פערוואנגעלט אזוי פיעל יאהר אין אלע לענדער פון דער וועלט. מען ברענגט ראיות פון דער געשיכטע און דער פילאזאפיע, דאס מיר האבען טאקע נישט אויפגעהערט תמיד צו זיין א פאלק, אבער וואס נוצען אונז די ראיות, דער עיקר איז דערביי דאס געפיהל, אויב מיר ווילען זיין און בלייבען א פאלק. און ווען מיר ווילען שוין יא זיין א פאלק מוזען מיר אלערערשטענס א פאלק האבען. דען וואס הייסט דאס א פאלק? שוין אונזערע חכמים האבען פארצייטען דאס יודישע פאלק געלויבט, דאס אין איהם זענען פערהאנען אלע קלאסען וואס געהערען צו א פאלק: תלמידי חכמים, בעלי בתים און סוחרים, און אויך פשוט'ע יודען, פראסטער עולם, וואס מען רופט געוועהנליך המון־עם. דאס איז אודאי אמת און ריכטיג, אבער מען קען היינט די זאך נאך ווייטער בעטראכטען און מען וועט געפינען, דאס דער עיקר איז פארט דער המון־עם, די קליינע קרעמער, בעלי מלאכות, ארבייטער, אקערבויער, משרתים, וואס האבען ביי אונז קיין גרויס חשיבות נישט. א פאלק אהן תלמידי חכמים איז אונגעלערנט און אונגעבילדעט. דאס איז אבער נאך גאר קיין גרויס אומגליק נישט. אזא פאלק ווערט נישט אלט און כל זמן מען איז נאך יונג קען מען דאך נאך לערנען. אויך א פאלק אהן בעלי בתים, אהן סוחרים און פאבריקאנטען, אהן אינדוסטריע און רייכקייט איז נישט אזוי אומגליקליך, עס איז אארימעס פאלק וואס קען נאך רייך ווערען, און ארימקייט איז גאר קיין שאנד נישט. אבער א פאלק פון לויטער געלערנטע און סוחרים אהן א המון־עם, אהן א פראסטען עולם, אהן ארבייטער און בעלי מלאכות איז א מין בריה וואס קען נישט לאנג בעשטעהן. א פאלק מוז זיין ווי א מענשליכער גוף וואס אין איהם זענען דא אלע איברים! קאפ, הארץ, הענד און פיס און די איבריגע איברים. עס איז אבער נאך נישט גענוג, דאס אלע איברים זאלען עקזיסטירען, זיי מוזען אויך זיין צוזאמען געוואקסען, צוזאמען געהערען, צוזאמען פערבונדען, מע רופט דאס אין דער וויסענשאפט: ארגאניש פערבונדען, א ארגאנישער קערפער.

היינט לאמיר זעהן, אויב מיר יודען אין איצטיגער צייט זענען א פאלק? איך וויל גאר נישט ריידען פון אונזערע ברידער אין מערב־אייראפא. זיי זענען נישט קיין פאלק און קענען אויך קיין פאלק נישט זיין, ווייל זיי פעהלט דער המון־עם, דער פשוט'ער עולם פון דער ארבייטענדער קלאס, פון די בעלי־מלאכות, דערפאר איז ביי אונז אין מערב־אייראפא אזוי שוואך דאס פאלקסגעפיהל און די יודישקייט הויבט אהן ביסליכווייס צו פאלען. ביי אנדערע פעלקער האבען די העכערע קלאסען פון וואנען צו שעפען כחות, פון דעם פשוט'ן פאלק, פון די ארבייטער און אקערבויער וואס וואהנען אין די דערפער. איך קען א סך פאמיליען אין דייטשלאנד וועלכע קומען ארויס פון המון עם און זיי געבען דערמיט צו דער אריסטאקראטיע נייע כחות. דער זיידע איז נאך געוועזען א פשוט'ר מענש, א בעל מלאכה, א ארבייטער, א בויער, א דיענער; די באבע א דיענסטמיידיל, זייער זוהן איז שוין אויפגעקומען און איז געווארען א שטיקיל מענש און האט א בכבוד'ע פרוי גענומען. זיי האבען זייערע קינדער געגעבען שטודירען און פון זיי זענען געווארען גרויסע לייט, פראפעסארען, פאבריקאנטען, גרויסע סוחרים, הויכע בעאמטע. די דייטשען האלטען ניט פיעל פון יחוס. אזוינע מענשען קענען זיך מתחתן זיין מיט די העכסטע קלאסען און ברענגען צו זיי זייערע פרישע קרעפטען, זייערע נייע כחות. דאס אלעס איז ביי אונז אין מערב־אייראפא ניט דא. מיר האבען ניט קיין פאלק און געפינען ניט קיין נייע כחות. אודאי זענען אויך דא ביי אונז אויפגעקומענע לייט, אבער נישט פון פאלק, דער טאטע איז געוועזען א קליין סוחר'ל, דער זוהן איז א גרויסער סוחר; דער טאטע האט געהאנדעלט מיט אלטע קליידער, דער זוהן האנדעלט מיט נייע קליידער, מיט בריליאנטען אדער דרעהט זיך ארום אויף דער בערזע און איז א גרויסער בעל דבר. דער טאטע איז געוועזען א רב אדער א מלמד און דער זוהן איז א פראפעסאר. דאס אלעס איז אבער נור איין שטייגער, נור איין קלאס פון מענשען. — אין רוסלאנד, פוילין, גאליציען און רומעניען איז פערהאנען א אמת'ר פאלק, אבער מיר קעהרען זיך מיט איהם גאר נישט אן, מיר שעמען זיך מיט איהם. און ווען מיר זענען זיך שוין אביסעל מקרב צו אונזער פאלק מיינען מיר, דאס מיר טהוען א גרויסע מצוה. עס קומט אונז דערפאר א „יישר כח", א שענעם דאנק. מיר ווייסען נישט, דאס מיר האבען דעם פשוט'ן עולם מעהר נייטהיג אלס דער פשוט'ר עולם אונז. מיט אונזער המון־עם האבען מיר זיך אודאי נישט צו שעמען; ער איז פיעל בעסער אלס דער המון ביי זיי. איך וויל גאר נישט חנפ'נען, אודאי געפינט זיך אויך ביי אונז א סך שלעכטע מענשען, גנבים, שווינדלער, גזזינדעל אלער ארט. אבער אין אמת'ן געהערען ניט אזוינע צום אייגענטליכען פאלק. אונזער ארים פאלק ארבייט און הארעוועט ביטער און שווער, זיי זענען פשוט'ע ארבייטער, בעלי־מלאכות, משרתים, לאסט־טרעגער, זיי טרינקען נישט און זענען נישט אויסגעלאסען אזוי ווי דער גרויסער המון אין די גרויסע אייראפאישע שטעדט. זיי זענען זיך מקריב פאר די ערציהונג פון זייערע קינדער און האלטען טייער עהרליכקייט און גוטע יודישקייט; אמת דער המון־עם ווייס ניט פון דרך־ארץ, ווייס ניט ווי צו רעדען מיט א געבילדעטען, קען נישט טאנצען, האט קיין פראק און קיין גלאסירטע האנדשוה. אבער מיינט איהר דאס דער גרויסשטעדטישער המון אין אייראפא איז בעסער? מיינט איהר, איהם קען מען לאדען צום באל? אונזער המון איז דאך האטש ניט אזוי גראב, פערשכורט ניט זיין ביסעל פערדינסט, שיקט ניט

צוקוקענדיג צו דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט אין פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע לענדער, זעהען מיר, אז דער פראגרעס ווערט אלץ העכער, אז ער ענטוויקעלט זיך נאך בעשטימטע געזעצען אין א געוויסער ריכטונג, מיר זעהען אז דער פראגרעס איז העכער פון דעם ווילען פון איינצעלנע מענשען, אז ער געהט זיך זיין וועג. מיר מעגען וועלען אדער ניט — אז די מענשהייט געהט אלץ צו פערבעסערונג און פערפאלקאמונג דארף ניט בעוויזען ווערען, ווייל דאס איז א טהייל פון אונזער גלויבען. אונז דוכט זיך אויס די וועלט, ווי א אונגעהויער גרויסער וואל וואס קייקעלט זיך אליין פאראויס אין א געוויסער ריכטונג, מיר אבער, איינצעלנע מענשען, וועלכע זענען ווי קליינינקע וואליקליך, וואס זענען צוגעזעצט צו דעם גרויסען וואל, דארפען זעהן צוצופאסען אונזער ווילען, אונזער בעוועגונג צו די בעוועגונגען און צו די געזעצען פון דעם גרויסען וואל, ד. ה. צו דעם פראגרעס פון דער מענשהייט. מיר קענען לויט אונזער פרייען ווילען אויך ניט געהן צוזאמען מיט דער בעוועגונג פון דעם וועלט־פראגרעס, אזוינע צייטען אבער קענען נור אבהאלטען דעם גאנג פון דעם פראגרעס אויף איינינגע צייט, אבער אין גאנצען אבשטעלען איהם קענען זיי ניט. יעדער איינצעלנער מענש דארף דערפאר קלוג אויסנוצען זיין פרייען ווילען, ער זאל קענען זיין לעבען צופאסען צו דער ריכטונג פון דעם פראגרעס, ער זאל זיינע אידעאלען און שטרעבונגען ברענגען אין איינשטימונג מיט די שטרעבונגען פון דעם פראגרעס. דער פראגרעס שטרעבט צו געבען יעדעם איינצעלנעם מענשען די מעגליכקייט צו בעפרידיגען אלע זיינע העכערע בעדערפנישען, וואס ענטשטעהען אין דער ארבייט פאר דעם אידעאל און אין דעם גלויבען, אז עס וועט און עס מוז קומען די צייט, ווען דאס גליק וועט זיין מעגליך יעדעם איינצעלנען. דאס שטרעבען צום גליק און צום נצחון פון פראגרעס ליגט אין דער מענשליכער נאטור. פון איהר שטרעבען און קאמפף מיט דער אויסענוועלט הענגען אב די בעגריפען פון מוסר וואס הערשען אין דער געזעלשאפט. דער מענש און די געזעלשאפט זענען שטענדיג פערבונדען און זיי ווירקען איינע אויף די אנדערע. דאס געזעלשאפטליכע לעבען הענגט אב פון די אידעאלען און פון מאראלישע שטרעבונגען פון די מענשען און צו דערזעלבער צייט ווירקט די געזעלשאפט מיט איהרע אנשטאלטען אויף די אידעאלען און שטרעבונגען פון יעדען אין איהר שטעהענדען מענשען, און דערפאר וואס העכער עס שטעהט די געזעלשאפט, וואס פאלקאמענער זי איז, זענען אלץ העכער און מאראלישער די איינצעלנע מענשען. און אזוי ווי אונזערע לונגען האבען דאס בעדערפניש צו אטהעמען, דאס הארץ — צו פולסירען, אזוי האט אויך אונזער גייסט זיינע בעדערפנישען. און אזוי ווי די מענשען לעבען און ארבייטען צוזאמען צו בעפרידיגען די בעדערפנישען פון קערפער, אזוי אויך ארבייטען און קעמפפען זיי צו עררייכען די גייסטיגע בעדערפנישען. די גייסטיגע אוצרות זענען ביי די מענשען די טהייערסטע און זיי זוכען מיטלען, ווי צו דערהאלטען די דאזיגע אוצרות, וואס זיי האבען בעקומען אין ירושה פון די אבות און וועלכע זיי האבען אליין ענטוויקעלט.

מיר זעהען אז פון דעם מענשענס פארשטעלונגען וועגען פראגרעס פון דער מענשהייט הענגען אב אויך דער מאראלישער צושטאנד פון דער געזעלשאפט און אונזערע בעגריפע וועגען גוטס און שלעכטס, מיט איין ווארט: אונזער עטהיק (תורת המוסר) הענגט אב פון אונזערע פארשטעלונגען וועגען דער צוקונפט פון דער מענשהייט. דורך די איינענשאפטען ווידער, וואס יעדעס פאלק האט אין זיך, ווי זיין שפראך, לעבענסארטען, אנשטאלטען א. ד. ג. געפינען מיר ביי פעלקער פערשיעדענע בעגריפען וועגען גוטס און שלעכטס און מיר זעהען דעראיבער „א פאלקס־עטהיק". נאר נישט בלויז די שפראך, די לעבענסארט פון פאלק ברענגען ארויס די פאלקס־עטהיק; מעהר נעמען דא איין אנטהייל די געפיהלען, דער גלויבען און די מסורות פון יעדען פאלק, וואס ווירקען אויך אויף דער שפראך, בעשאפען נייע בעגריפען פאר וועלכע דאס פאלק שאפט נייע ווערטער. אזוי דארף מען פערשטעהען די סבה, פאר וואס יעדעס פאלק האט זיין

---

דאמענטאלנע געשעפט, וואס איך ווייס גאר ניט מיט וואס מע עסט דאס? ווערסט דו הארכען ווי אזוי גאט פיהרט אוים א מענשען: שוין פון א צייט אז איך האב אויפגעהערט געהן צו סעמעדענין (ניט אזוי ווי דו רופסט איהם סימע דינה; ס'איז גאר א זכר ניט קיין נקבה, און נאך א דייטש דערצו!) און אויפגעהערט צו געהען האב איך, ניט ווייל איך האב מיך מיט איהם חלילה געקריגט, נאר פשוט, ווייל ס'איז מיר נמאס געווארען די קאווע מיט די מאראזשענע און אגב האב איך טאקי ניט ביי זיך קיין קליין געלד, האב איך מיך אנגעהויבען ארומדרעהען גלייך מיט אלע יודען אויף דער גאס. אזוי לאנג און אזוי ברייט ביז איך האב מיך באקענט מיט איינעם א מעקלער פון זאוואדען, רב אלטער דער מלמד הייסט ער, וויזט אוים א גאנץ ערליכער און האט גרויס קענטשאפט. ער קומט אריין, זאגט ער, צו אלע גרעסטע, אפילו צו די בראצקעס. „פון וואנען, מאכט ער צו מיר, איז א יוד?" — פון מאזעפעווקע, זאג איך; אליין בין איך הייסט דאס א יאמפולער, זאג איך, א נכתב בין איך אין טעטרעוויץ, איין איידעם בין איך פון מאזעפעווקע און האנדלען האנדעל איך אין יעהופעץ. „וואס איז אזעלכעס, מאכט ער צו מיר, אט דאס מאזעפעווקע? א דארף צי א שטעדטיל?" — וואס איז שייך, זאג איך א שטעדטיל, א גאנצע שטאדט! „מעגען דארטען יודען וואהנען?" — נאך א מין מעגען! „נו און א טייך, מאכט ער, איז ביי אייך פאראן?" — נאך א מין טייך, זאג איך, שטונקיילא הייסט דער טייך. „נו און פון א באהן, מאכט ער, איז עפים ווייט?" — סך הכל, זאג איך, א ווערסט עטליכע און זיבעציג. וואס איז, זאג איך, אקעגען וואס פרעגט איהר דאס? „גיט מיר, מאכט ער צו מיר, די האנד תקיעת־כף אז צווישען אונז וועט דאס בלייבען; איך קען אייך אנזאגען א בשורה, רב מנחם מענדיל, אז מיר וועלען אם ירצה השם אין גיבען ביידע פארדינען געלד און א סך, א פולע היטעל! ס'איז מיר נור וואס, זאגט ער, אריינגעפאלען א מחשבה, וואס טרעפט אין הונדערט יאהר, היינו: כפי אזוי ווי קונים אויף זאוואדען איז היינט פאראן לרוב און קיין זאוואדען איז ניטא; וויפיעל ס'איז געוועזען זאוואדען האבען די ראדאמישלער אויסגעקויפט און מעהר וויל מען נישט פארקויפען; לכן האט זיך דער עולם א נעם געטהון צו בויען פרישע צאפעלדיגע זאוואדען, און מחמת אין די דערפער טארען דאך קיין יודען ניט אריין, לכן זוכט מען ערטער אויף זאוואדען נור אין די קליינע שטעדטליך, דארטען וואו יודען מעגען; היינט פארשטעהט איהר שוין אז אייער מאזעפעווקע איז באשאפען געווארען מששת ימי בראשית אז ס'זאל דארט זיין א זאוואדיל? און אזוי ווי איהר זעהט מיך, האב איך גראדע א קונה אויף צו בויען א זאוואדיל אויף א האלבען מיליאן קערבליך, נאר קיין ארט איז ניט דא; מע האט פערהאפט אלע ערטער! ווייסט איהר ניט, מאכט ער צו מיר, צו וועמען געהער דאס שטעדטיל אייערס?" — אז דער אלטער זכרונו לברכה האט געלעבט, זאג איך, האט די שטאדט געהערט צו איהם מיט דער סביבה, און אז דער אלטער איז נפטר געווארען, איז די שטאדט איבערגעגאנגען צו רב מאטלען און די סביבה צו די קלענערע קינדער. „ניין, מאכט ער צו מיר, ניט דאס מיין איך! איך מיין מיט וועמען רעדט מען און צי קריגט מען דארט בוראקעס און ווי טהייער איז א פלאץ אויף צו בויען א זאוואדיל?" — אך, מאך איך, מיט'ן גרעסטען כבוד; איך האב דארטען, זאג איך, אסך בעקאנטע; איך קען באלד אוועקשרייבען אהינצו א בריוועל און איהר מעגט, זאג איך, זיין זיכער אז מע וועט מיר תיכף ומיד אפענפערען מכל־דבר־שורש! לכן, זוגתי היקרה, שרייב איך דיר וועגען דעם און בעט דיך טאקי זאלסט זיך זעהן מיט עזריאל רעם סטארעסטע און מיט מאשקע דעם רויטען, ער דרעהט זיך צווישען פריצים, לאז ער אויסטאפען ביי זיי צי קען מען. האבען א פלאץ און וויפיעל קען מען האבען בוראקעס און ווי טהייער, און טאקי באלד מיר אפענפערען דורך א בריוועל, כי נחוץ מאד, מע קען דא פארשטעהסט דו מיך חאפען א גראבס, טאקי א צעהן פופצעהן טויזענד; אזוי זאגט רב אלטער, מיר ארבייטען איצט בשותפות, און מחמת איך בין פארנומען און האב קיין צייט ניט מאך איך דאס בקצור; אם ירצה השם אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות; לעת עתה לאז גאט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה; גריס די קינדער און איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם מענדיל.

**עיקר שכחתי.** איך האב מיך צעפרעגט ביי מיין איצטיגען שותף, רב אלטער, ווער איז דער קונה און בין געוואהר געווארען, אז דער קונה איז טאקי איינער פון די ראדאמישלער, זעהר א הייסער קונה, מחמת די ראדאמישלער זענען אלע זעהר הייסע קונים, ברענען צו זאוואדליך, עס מעג זיין א ווינטמיהל, אבי ס'איז מיט א קוימען און ס'פייפט! לכן האף איך צו גאט, אז דאס געשעפט איז אם ירצה השם, געוויס א געשעפט און מיר וועלען מיט גאטס הילף געוויס פארדינען געלד, חאטש אפילו מיר זענען דערביי היבשע עטליכע שותפים: איך בין איינער, רב אלטער איז צוויי, מאטיל רעם קאסירס איז דריי (אהן איהם איז שווער דורכצוזעצען א געשעפט ביי די ראדאמישלער; אזוי זאגט מאטיל און מע דארף איהם גלויבען!) און ער, מאטיל הייסט דאס, האט א טאטען און א חוץ צוויי שותפים: לעווין פון פייטערבארג און משה זשורינער (משה זשורינער דרינגט אז איהם קומט דער גרעסטער חלק און מע וועט איהם מוזען

שווערע איבערקערענישען. און אַלזאָ — דאָס שטרעבען פֿון די יודען צו עררייכען די מעגליכקייט פֿריי, נישט בלויז אין עולם הדמיון, נאר ביי זיין אייגענער ווירטשאַפֿט איינצופֿיהרען אין לעבען זיין עטהיק, די יסודות פֿון וועלכער עס געפֿינען זיך אין תורת משה איז אַ גערעכטפֿאַלע שטרעבונג און געהט נישט געגען דעם פּראָגרעס. זי איז אפילו זעהר נייטהיג דער מענשהייט, ווייל זי וועט ווייזען ווער באמת איז שולדיג אין אַלעם שלעכטען, וואָס טהוט זיך אויף דער וועלט. און דערצו, אַז מיר וועלען עררייכען אונזער אידעאַל ברויכען מיר זיך נישט אָבצושיידען פֿון דער וועלט, נאר מיט אַלע בעסטע מענשען קעמפֿפֿען, נאר דעמאָלס שוין אַלס אַ גלייכרעכטיגער ברודער! און דערפֿאַר ברויך מען דעם ציוניזם צו בעטראַכטען נור אַלס אַ פּראָגרעסיווע ערשיינונג. דער ציוניזם איז ניצליך פֿאַר דעם פּראָגרעס פֿון דער גאַנצער מענשהייט, און ער איז אונבעדינגט נייטהיג פֿיר דעם פּראָגרעס פֿון אונזער פֿאָלק, וואָס האָט ניט היינט, צווישען אַנדערע פֿעלקער, נישט נור די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיין קולטור, נאר ער האָט אפילו קיין האָפֿנונג נישט אויף דער צוקונפֿט ביי דעם זיעג פֿון פּראָגרעס, און עס שטעהט איהם נאָך פֿאָר, אַז ער זאָל זיך געפֿינען אין איין ערגערע לאַגע, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע אין אייראָפּאַ וועט אַנדערש ווערען. ווייל ווען די עקאָנאָמישע מלחמה וועט אויפֿהערען, וועט זיך ערשט די מלחמה צווישען די פֿעלקער וועגען זייערע קולטורען נאָך פֿערגרעסערען. דערפֿאַר איז יעדער יוד, אָדער אפילו נישט קיין יוד, וואָס די יודישע עטהיק איז ביי איהם טהייער, מחויב מיט צואַרבייטען אַז דער ציוניזם זאָל ווי גיכער אויסגעפֿיהרט ווערען. מיט דעם וועט געהאָלפֿען ווערען אונזער אָרימעס פֿאָלק און עס וועט איהם געגעבען ווערען די איינציגע מעגליכקייט זיך פֿריי צו ענטוויקלען.

דערפֿאַר ווענדען מיר זיך צו אונזערע יונגע לייט, אַז שטאָט דעם וואָס זיי זאָלען אָנווענדען זייער ענערגיע אום איינצוברענגען דעם אַלט־יודישען סטיל און לעבען פֿון די אייראָפּעאישע מלוכות, וואו דער סטיל ווערט אין גאַנצען פֿערלוירען און מען דערקענט איהם מעהר ניט, זאָלען זיי בעסער זייער ענערגיע אָנווענדען אום איינצופֿיהרען עס ביי אונז אין דער היים, וואו עס איז נאָך פֿערהאַן אין גאַנצען די ליעבע צו דעם סטיל. נאר די ציוניסטען ברויכען זיך אויך צו בעקענען מיט דער היסטאָריע פֿון די אייראָפּעאישע פֿעלקער, מיט זייערע אָרדנונגען, מיט זייער עקאָנאָמישען לעבען און אידעאַלען, כדי איינצופֿלאַנצען ביי אונז דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס זיי וועלען דאָרט געפֿינען, איינצופֿלאַנצען ביי אונז אין דער היים, לויט אונזער געשמאַק, לויט אונזער ווילען!

צי האָבען מיר דאָס רעכט אויף דעם, וואָס מיר פֿערלאַנגען? אויף דער פֿראַגע קען מען ענטפֿערן מיט אַ פֿולען מויל „יאָ!" פֿיעל קליינע פֿעלקער האָבען אין דער לעצטער צייט ערוואָרבען זייערע זעלבסשטענדיגקייט — און דער פּראָפֿעסאָר הערר גראַדאָווסקי איז זעהר גערעכט, ווען ער זאָגט: יעדע נאַציאָן, ד. ה. אַ זאַמלונג פֿון פּערזאָנען, וואָס קומען אַרויס פֿון איין שטאַם, וואָס האָבען איין שפּראַך, איין קולטור און איין היסטאָרישע פֿערגאַנגענהייט, האָט דאָס רעכט צו פֿאָדערען אויך איין אייגען אָרט, אַן אייגענעם לאַנד.

צי איז מעגליך דאָס, צו וואָס מיר שטרעבען? וועט די צייט אויף דעם ברענגען איין ענטפֿער. נאר דאָס וואָס איז מעגליך געוועזן אַנדערע קלענערע פֿעלקער צו ערווערבען, קען אונז אויך נישט זיין צו שווער, מיר ברויכען אויף יעדען פֿאַל גרייט צו זיין, אָנגרייטען פֿאָראויס מיטלען, אַז ווען עס וועט יאָ מעגליך זיין, זאָלען מיר קענען פֿיהרען אונזער פֿאָלק צו זייער גליק!

און דערפֿאַר זאָגען מיר נאָך אַמאָל, אַז דער וואָס גלויבט אין פּראָגרעס, וואָס שטרעבט צום גליק פֿון דער מענשהייט, דער ברויך מיט אונז מיטצואַרבייטען אויפֿצובויען ציון, אין וועלכער די הויפּטפּרינציפּען וועלען זיין: גלייכהייט, פֿרייהייט און ברודערשאַפֿט! (.)

---

## בריעף צו מיין עלטער באָבע. (ב)

באָבוניו טייערע!

מיין בריעף, שרייבסט דו מיר, האָט דיך שטאַרק אינטערעסירט. אַלע אונזערע קרובים, וועלכע האָבען מיין בריעף דורכגעלעזען האָבען מסכים געוועזן אַז מיין ליעבער הערר פּראָפֿעסאָר עדמונד פּיקאַר איז אַ פּשוט'ער שונא ישראל, אַ המן, ימח שמו.

דו פֿרעגסט מיך, באָבוניו טייערע: נו, וואָס־זשע זאָגען אַנדערע? צי זענען זיי מסכים מיט דעם רשע מרשע?

ניין, ניין, באָבוניו טייערע. עס זענען דאָ גראַדע פֿיעל גרויסעלייט חכמים ונבונים, געלערנטע און קלוגע לייט וועלכע דיינקען אַנדערש. אָט למשל, לאָמיר הערען די מיינונג פֿון איינעם זעהר אַ גרויסען געלערנטען. ער איז אַליין אַ פֿראַנצויז, ער איז פּראָפֿעסאָר אין איינע פֿון די גרעסטע פֿראַנצויזישע וויסענשאַפֿטליכע שולען, אין דעם פּאַריזער „קאָלעזש דע פֿראַנס". מע רופֿט איהם אַלבערט רעוויל, און זיין נאָמען איז זעהר בעוואוסט צווישען די געלערנטע מענער אין אייראָפּאַ און אויך אין אַמעריקאַ. אַלבערט רעוויל איז וואָס מע רופֿט עס אָן: אַ היסטאָריקער, און לייענט לעקציעס פֿון געשיכטע. צעהנדליגע שילער קלייבען זיך צונויף אין דעם קאָלעזש דע פֿראַנס ווען ער לעזט פֿאָר זיין שעור. דאָס זענען ניט קיין פּשוט'ע יונגע שילער וואָס הויבען אָן צו לערנען; דאָ געפֿינען זיך אויך פֿיעל און פֿיעל בעטאָגטע מענשען, מענער און פֿרויען. אַלבערט רעוויל דערצעהלט זיינע פֿערשידענע תלמידים די אמונות ודעות פֿון די אַלטע צייטען, ווי אונזערע עלטער עלטער זיידעס האָבען געדענקט און געגלויבט, געפֿיהלט און געלעבט. איך מוז דיר זאָגען, באָבוניו טייערע, אַז דער הערר פּראָפֿעסאָר אַלבערט רעוויל איז אַ קריסט, אָבער ניט קיין קאַטאָליקער, ער איז אַ פּראָטעסטאַנט. עס וואָלט צו לאַנג געווען דיר דאָ צו ערקלערען דעם אונטערשיעד צווישען אַ פּראָטעסטאַנט און אַ קאַטאָליקער, מיין בריעף ערלויבט דאָס מיר ניט. איך וויל דיר נור אויפֿמערקזאַם מאַכען אויף איין זאַך. די פּראָטעסטאַנטען אין פֿראַנקרייך זענען נור אַ קליינער טהייל פֿון דעם גרויסען פֿראַנצויזישען פֿאָלק. און ווייל זיי זענען נור אַ קליינער טהייל האָבען זיי אַליין זעהר פֿיעל געליטען פֿון דעם רוב העם, דאָס הייסט פֿון די קאַטאָליקער. אין אַמאָליגע צייטען האָבען די פּראָטעסטאַנטען אין פֿראַנקרייך געליטען זעהר אַ סך שלעק מיט צרות, אַלערליי מיני יסורים מיט פּורעניות און גרויסע גזירות מיט רדיפות, אָט כמעט ווי מיר יודען. און נאָך ביז היינטיגען טאָג האָבען די קאַטאָליקער שטאַרק פֿיינד די פּראָטעסטאַנטען און וואָלטען גרייט געווען צו מחדש זיין אויף זיי די אַלטע גזירות מיט די אַלטצייטיגע רדיפות. די פּראָטעסטאַנטען ווייסען עס און פֿערשטעהן עס גאַנץ גוט, און דערפֿאַר שטעהען זיי צוזאַמען מיט די יודען, אום זיך זעלבסט צו שיצען. ווי אַ פּראָטעסטאַנט קען דער הערר פּראָפֿעסאָר אַלבערט רעוויל קיין שונא־ישראל ניט זיין און ער שפּעכט זיך אויס געגען די אַנטיסעמיטען. ווייטער מוז איך דיר נאָך זאָגען, באָבוניו טייערע, אַז פֿאָרשענדיג די קריסטליכע אמונות ודעות האָט אַלבערט רעוויל געמוזט אויסלערנען די יודישע אמונות ודעות פֿון לעצטע הונדערט יאָהרען פֿון אונזער פּאָליטישען פֿאָלקס לעבען אין ארץ ישראל. אַלבערט רעוויל איז בעקאַנט מיט הלל הזקן'ס צייט, למשל, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין דעמאָלט געלעבט, ער דערצעהלט אייניגע היסטאָרישע זאַכען אָט ווי ער וואָלט אַליין דערביי געוועזן.

אַז אין פֿראַנקרייך האָט אויסגעבראָכען דער דרייפֿוס־שקאַנדאַל איז אַלבערט רעוויל געוועזן איינער פֿון די, וועלכע האָבען געפֿאָדערט גערעכטיגקייט, ליכטיגקייט און וואַהרהייט.

דער פֿראַנצויז אַנרי דאַגאַן האָט פֿאָרגעלעגט אַלבערט רעוויל'ן זיינע וויכטיגע שאלות. אַלבערט רעוויל האָט געענטפֿערט אַזוי:

ערשטענס, רעכענט ער אַז די שונאי ישראל זענען גרויסע ליגנער ווען זיי זאָגען, אַז זיי זענען נור געגען דעם יודישען שטאַם און ניט געגען דער יודישער אמונה.

אָט דאָ, באָבוניו טייערע, מוז איך דיר מאַכען אַ קליינעם פּירוש, אום דיר געבען צו פֿערשטעהן וואָס הייסט עס זיין געגען דעם יודישען שטאַם און ניט געגען דער יודישער אמונה, אָדער זיין געגען דער יודישער אמונה און ניט געגען דעם יודישען שטאַם.

אין פֿראַנקרייך איז מען רחמנא ליצלן, ווי דיר איז געוויס בעקאַנט, גרויסע אַפּיקורסים, כופֿרים בעקר. אַ גרויסער טהייל פֿראַנצויזען, ובפֿרט פּאַריזער איינוואָהנער גלויבען ניט אין קיין שום זאַך און לאַכען

זיך אויס פֿון אַלערליי מין אמונה. די שונאי ישראל האָבען זיך ביי זיך אין האַרצען אַזוי געזאָגט: אויב מיר וועלען אַרויס געגען די יודען אין נאָמען פֿון דער רעליגיאָן, וועט מען זיך פֿון אונז גאַנץ גוט אויסלאַכען, און קיינער וועט אפילו ניט וועלען אונז אויסהערען, מע וועט פֿון אונז חוזק מאַכען און מע וועט אונז אָבשיקען צו דעם געוויסען איספּאַנישען אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדען. דאָס וואָס ביי אונז אין האַרצען טהוט זיך דאָס איז אונזער עֵסֶק. אָבער מיר דאַרפֿען נור שרייען איינס; מיר דאַרפֿען זאָגען אַז עס איז אַלעס איינס, צי די יודען גלויבען אין גאָט צי ניין, עס איז גאַנץ גלייכגילטיג צי זיי דאַוונען שַחֲרִית, מִנְחָה וַעַרְבִית צי ניין. זייער אמונה, זייער רעליגיאָן, זייער גלויבען געהט אונז ווינציג אָן. מיר זענען נור געגען זייער שטאַם, זייער פֿאָלקסטהום, זייער נאַציאָנאַליטעט.

אַלבערט רעוויל בעווייזט אונז אַז די יודענפֿרעסער זענען גרויסע ליגנער; אַז אין אמת'ען איז די מלחמה געגען די יודען אַ פּשוט'ער רעליגיעזער שטרייט. נאָך אַלבערט רעוויל נאָך, איז דאָס וואָס מע רופֿט אַנטיסעמיטיזם נאָר אַ מלחמה פֿון די קאַטאָליקער געגען אַלע ניט קאַטאָליקער. דאָס ציעל פֿון די אַנטיסעמיטען, האָטש זיי שרייען אַז זיי ווילען מַציל זיין פֿראַנקרייך פֿון דעם יודישען פֿאָלק וואָס מאַכט זיי פֿאַר קנעכט און נעמט ביי זיי אַרויס דעם מוח פֿון די ביינער, בעשטעהט אין אמת'ן נור אין דעם, אום אַרויסצוטרעטען געגען אַלע ניט־קאַטאָליקער, און פֿיהרען געגען זיי אַ סיסטעמאַטישען שטרייט.

צווישען אונז רעדענדיג איז די זאַך ניט אַזוי גאַנץ ריכטיג ווי דער העדר אַלבערט רעוויל וואָלט זי געוואָלט פֿאָרשטעלען. נאָר זיין כַּוָּנָה איז צום גוטען. ער איז מֵחֲסִידֵי אוּמּוֹת הָעוֹלָם און ער וויל בעשולדיגען די שונאי ישראל און מְלַמֵּד זְכוּת זיין אויף אונז יודען.

די הסרזנות וואָס מע וואַרפֿט אויף יודען — זאָגט ווייטער אַלבערט רעוויל — געהערען נור צו זעהר אַ קליינעם טהייל פֿון זיי. טויזענדער יאָהרען האָט מען די יודען געשלאָגען און גערודפֿט. וואָס פֿאַר אַ וואונדער איז עס, אַז עס געפֿינען זיך צווישען זיי אויך שלעכטע מענשען?

אַלבערט רעוויל ברייננט ווייטער, ווי די יודען האָבען געגעבען פֿראַנקרייך פֿיעל גרויסע לייט אין אַלע צווייגען פֿון דער מענשליכער טהעטיגקייט, אין וויסענשאַפֿט, אין ליטעראַטור, אין פּאָליטיקא, אין קונסט און ז. וו.

— אין דעם מיטעלאַלטער — זאָגט לסוף אַלבערט רעוויל — אַז מע האָט יודען אַרויסגעטריבען פֿון אַ לאַנד איז דאָס לאַנד כמעט חרב געוואָרען. דער מִסְחָר פֿלעגט אַזוי פֿאַלען אַז מייסטענס איז מען געווען געצוואונגען רופֿען די יודען צוריק.

עס וואָלט נאָך היינט פֿאָרגעקומען דיזעלביגע זאַך. ווען פֿראַנקרייך זאָל פֿלוצים נעהמען און אַרויסטרייבען די יודען פֿון לאַנד, וואָלט די מאַכט פֿון פֿראַנקרייך טיעף געפֿאַלען; איהר פֿינאַנציעלע, אינדוסטריעלע און וויסענשאַפֿטליכע קראַפֿט וואָלט גלייך ווינציגער געוואָרען. אין דער מלחמה מיט דייטשלאַנד איז פֿראַנקרייך קאַליעטשעט געוואָרען; מע האָט ביי איהר אָבגעשניטען איין אבר; מע האָט ביי איהר צוגענומען אַ גאַנצע מדינה! מע האָט ביי איהר אָבגעריסען אַ גאַנץ שטיק לאַנד; מע האָט ביי איהר אַוועק געראַבעוועט עלזאַס מיט לאָטהרינגען. אַרויסטרייבען יודען פֿון פֿראַנקרייך וואָלט געהייסען איהר אָבשניידען נאָך איין אֵבֶר.

איך האָב דיר דאָ געבראַכט, באַבוניו טייערע, די מיינונג פֿון אַלבערט רעוויל. זיינע לעצטע ווערטער ערוועקען אַוַדַאי אין אונז אַלערליי מַחֲשָׁבוֹת. אַוַדַאי דער הערר פּראָפֿעסאָר אַלבערט רעוויל האַלט מיט אונז יודען. ווי ער זאָגט עס אַליין, האָט ער פֿיעל יודישע פֿריינד וועלכע האָבען איהם געלערנט יודען בכלל צו שעצען. אָבער נישט דאָס בין איך אויסען. די וויכטיגסטע ווערטער אין דעם שמועס מיט אַלבערט רעוויל זענען, אַז ער קען זיך גאָר נור פֿאָרשטעלען דעם געדאַנק פֿון גֵרוּש הַיְהוּדִים. הונדערט יאָהר נאָך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן מוז מען נאָך בעווייזען אַז פֿאַר פֿראַנקרייך זעלבסט וועט שלעכט זיין אַרויסצוטרייבען די יודען. שוין הונדערט יאָהר אַז די יודען אין פֿראַנקרייך זענען עמאַנציפּירט, דאָס הייסט, זיי זענען בירגער געוואָרען מיט אַלע בירגערליכע רעכטע, גלייך ווי די פֿראַנצויזען אַליין.

הונדערט יאָהר! און פֿון דעסטוועגען מוז מען אָנקומען צו גרויסע געלערנטע לייט, אום צו בעווייזען אַז אַרויסטרייבען יודען פֿון פֿראַנקרייך וועט זיין אַ אומגליק פֿאַר פֿראַנקרייך זעלבסט!

אָ, יאָ, באַבוניו טייערע! זעהסט דו? — פֿראַנקרייך האָט עמאַנציפּירט יודען, אָבער נור ווי איינצעלנע מענשען. איצט איז געקומען די צייט אַז יודען זאָלען זיך זעלבסט עמאַנציפּירען ווי אַ פֿאָלק. אַנשטאָט פֿרעמדע בירגער צו זיין, דאַרפֿען זיך יודען יעצט סטאַרען אייגענע בירגער צו ווערען, יודישע בירגער פֿון דעם יודישען פֿאָלק אין דעם יודישען לאַנד...

נאָר דערפֿון וועלען מיר נאָך שמועסען.

זיי געזונד, באַבוניו טייערע, ווי עס ווינשט דיר דיין

שמואליק.

---

## פאליטישע איבערזיכט.

אַזיען און אַפֿריקאַ, וואו עס זענען געשאַפֿען געוואָרען די ערשטע יסודות פֿון דער מענשליכער קולטור, די ערשטע מְלוּכוֹת, די ערשטע יסודות פֿון וויסענשאַפֿט און די וויכטיגסטע רעליגיאָנען פֿון דער וועלט, האָבען שוין לאַנג פֿערלאָרען זייער גלאַנץ. נאָך דעם פֿאַל פֿון די מאַחמעדאַנערס הערשאַפֿט איז אַלעס איינגעשלאָפֿען געוואָרען, דאָס לעבען איז פֿערגליווערט געוואָרען. די פֿערענדערונגען און איבערקעהרענישען אין אייראָפּא האָבען זיך ניט אָבגעשפּילט אין לעבען פֿון אַזיען און אַפֿריקאַ. נור די יאַפּאָנער זענען דאָס איינציגע פֿאָלק אין אַזיען, וועלכעס נעהמט איבער ביי זיך די אייראָפּעאישע בילדונג און סטאַרעט זיך איינצופֿיהרען ביי זיך די פֿערבעסערונגען אין פֿאָלקסלעבען, וועלכע אייראָפּא האָט געשאַפֿען. די איבריגע פֿעלקער פֿון אַזיען זענען געבליבען אַזוי אונוויסענד ווי פֿריהער און די פֿעלקער פֿון אַפֿריקאַ פֿיהרען נאָך ביז איצט אַ לעבען פֿון ווילדע מענשען ווי מיט וויפֿיעל טויזענד יאָהר צוריק.

אָבער די זון איז ניט אויף אייביג פֿערגאַנגען אין מִזְרָח זייט. מען זעהט און מען שפּירט אומעטום די סִימָנִים, אַז אויך דאָרטען פֿערשווינדעט דאָס פֿינסטערניש און עס טרעט איין די צייט, ווען עס וועט אויך אין יענע לענדער זיין אַ העלער זונען־שיין. די פֿערבינדונגען מיט אייראָפּא, די אייזענבאַהנען און שיפֿען וועקען אויף די צוויי גרעסטע וועלטטהיילען פֿון זייער לאַנגען שלאָף, און ניט לאַנג איז די צייט, ביז אויך דאָרטען וועט געשאַפֿען ווערען קולטור און לעבען. מיר יודען זענען ניט די איינציגע, וואָס שטרעבען איצט צוריק קיין מִזְרָח־לאַנד. אַלע אייראָפּעאישע מְלוּכוֹת סטאַרען זיך איצט צו פֿערשטאַרקען זייער איינפֿלוס אין אַזיען, צו בעזעצען נייע לענדער, צו גרינדען קאָלאָניען. אפֿילו דייטשלאַנד, וואָס האָט ביז איצט קאָלאָניען ניט געזוכט, הויבט אויך אָן צו שפּיעלען אַ גרויסע ראָליע אין אַזיען און אַפֿריקאַ, זי האָט איצט לאַנד אין די ביידע וועלטטהייל'ען. אֱמֶת, איהרע קאָלאָניען געבען איהר נאָך ניט קיין הַכְנָסָה, די דייטשען, וואָס פֿערלאָזען זייער פֿאַטערלאַנד עמיגרירען נאָך ניט אין די דייטשע קאָלאָניען אין אַזיען און אַפֿריקאַ, נאָר זיי עמיגרירען נאָך אַלץ אַזוי ווי פֿריהער קיין אַנדערע לענדער און דערהויפּט קיין אַמעריקאַ. פֿון דעסטוועגען קען מען ניט לייקענען דעם גרויסען ווערטה וואָס די קאָלאָניען קענען האָבען פֿאַר דייטשלאַנד אין דער צוקונפֿט. דייטשלאַנד זוכט איצט אויסצונוצען די געלעגענהייט און זאַמעלט לענדער און שאַפֿט זיך דערמיט אַ קוואַל פֿון שפּעטערדיגען גליק און קראַפֿט. אויסצופֿיהרען איהרע פּלענער, צו מאַכען פֿון דייטשלאַנד אַ מְלוּכָה, וואָס זאָל קענען פֿיהרען אַ וועלטפּאָליטיק, מוז דייטשלאַנד האָבען ניט נור אַ שטאַרקע אַרמעע אויף יַבָּשָׁה, נאָר אויך אַ שטאַרקען פֿלאָט, זי זאָל קענען אין די ווייטעסטע לענדער פֿון דער וועלט שאַפֿען אַכטונג פֿאַר דעם דייטשען נאָמען. די רעגירונג וויל דעריבער פֿערגרעסערן איהר פֿלאָט, דערצו דאַרף זי אָבער האָבען מיליאָנען, וועלכע זי טאָר אָהן פּאַרלאַמענט ניט נעהמען. איידער מען האָט אָנגעהויבען די וִכּוּחִים וועגען פֿלאָט אין פּאַרלאַמענט, דיספּוטירען וועגען דער פֿראַגע אַלע דייטשע צייטונגען. עס זענען ענט־

# אלגעמיינע וועלט נייעס

**עסטרייך.** — פראָפעסאָר שענק. ווי עס איז בעקאנט האט דער וויענער פראָפ' שענק ארויסגעגעבען א בוך מיט דעם נאמען „איבער די געשלעכט בעשטיממונג ביי מענשען", אין וועלכען ער ווייזט אן מיטלען, דאס מען זאל האבען א קינד פון א געוויסען געשלעכט, ווי מען וויל, א זכר אדער א נקבה. די קאָלעגען פון שענק, די פראפעסארען פון וויענער אוניווערזיטעט, זענען באלד פון אנפאנג אן געווען אונצופריעדען מיט פראפ' שענק'ס בוך, זיי האבען געזאגט אז ער האט נאר געוואלט מאכען א גערויש אין דער וועלט, כדי קונה שם צו זיין, און אז דאס בוך האט נישט קיין וויסענשאפטליכען ווערטה. זיי האבען אויך פערלאנגט פון מיניסטער דאס ער זאל איהם אבזאגען פון דער שטעלע אלס פראפעסאר, דען ער האט משפיל געווען דעם כבוד פון דער וויענער אוניווערזיטעט. יעצט האט דער מיניסטער געטהון זייער רצון, און פארגעלעגט פראפ' שענק ער זאל זיך אבזאגען פון זיין שטעל.

— אין א לעווען-שטייג. אין דער מענאזשעריא (זוויערינעץ) וועלכע געפינט זיך אין וויענער גארטען האט א לעווען מיט דעם נאמען „שרה" צוריסען דעם אויפזעהער רודנאווסקי. ער איז אריינגעגאנגען אויסרייניגען די שטייג, און האט דאביי נישט ארויסגעטריבען די חיות אין צווייטען שטייג, און די לעווען איז אויף איהם ארויפגעפאלען. עס האט נישט געהאלפען קיין שום מיטעל אבצושרעקען די חיה, דען זי האט איהם צעריסען אויף שטיקער.

*

**רוסלאנד.** — וועגען ערדציטערניש אין קאווקאז. אין אחאלקאלאקער אויעזד, וואו עס איז געווען ערדציטערניש, האט מען געשיקט איין געאלאג (ערדפארשער), וועלכער וועט אנווייזען וואו אהין מען זאל אובערטראגען די איינוואהנער פון די צערשטערטע דערפער. ביז יעצט האט מען אויפגעגראבען 223 געהר'געטע. עס איז געשיקט געווארען הילפע פון ראטהען קרייץ. דער רוסישער קייזער האט געגעבען זיין נדבה פאר די וואס האבען געליטען פון ערדציטערניש 50,000 רובעל. די סאלדאטען פון נאוואגינער פאלק פערנעהמען זיך מיט די חורבית.

— א שטורעם אויפ'ן שווארצען ים. דער „נאוואיע ווּרעמיא" דערצעהלט וועגען א שרעקליכען שטורם, וואס איז געווען אויף דעם צפונית מזרח'דיגען ברעג פון שווארצען ים. 7 טעג זענען די פאר-טאווע שטאדט נאוואראסיסק געווען אבגעשניטען פון דער גאנצער וועלט, אלע זענען געזעסען אין דער היים און מורא געהאט ארויסצוגעהען אויפ'ן גאס. נאר ווען דער שטורם איז שוואכער געווארען זענען די איינוואהנער ארויס פון זייער בעהעלטעניש, און דערזעהען א שרעקליך בילד; דער גאנצער פארט איז געווען פול אנגעווארפען מיט גרויסע בערגער אייז. אלע הייזער נעבען פארט זענען געווען פון אויבען ביז אראב בעדעקט מיט אייז און האבען אויסגעזעהען ווי אייז-פאלאצען. דער גאנצער פלאץ נעבען פארט איז געווען איין אייז פעלד, אויף וועלכען זענען געלעגען ביי'ם עק הויכע בערג אייז. דאס זענען געווען שיפען וועלכע זענען געווארען אבגעריסען פון אנקער. אין דעם שטעדטיל סטאנדארט זענען געווען אבגעריסען כמעט אלע דעכער, און צערבראכען פיעל וואגאנעס פון דער באהן.

— ידיעות אין האנדעלס-ענינים. די אגענטור פון רוסישען פינאנץ-מיניסטעריום אין לאנדאן איז מודיע, דאס זי איז גרייט צו געבען יעדערען אומזיסט ידיעות וועלכע זענען נוגע דעם האנדעל צווישען רוס-לאנד און ענגלאנד. זי נעהמט אויף זיך אנצוווייזען אויף בעקאנטע ענגלישע פירמעס און אויפצוגעבען פרייזען אויף סחורות וועלכע ווערען אריינגעפיהרט פון רוסלאנד קיין ענגלאנד אדער צוריק, און בכלל צו שטיצען רוסישע אונטער-טהאנער וועלכע פיהרען געשעפטען מיט ענגלאנד. די אדרעסע פון דער אגענטור איז: London, 107 Cromwell Rd S. W. די אגענטור איז אפען פון 2 ביז 4 אוהר נאכמיטאג און ענטפערט אויך אויף אלע אנפראגען בריעפליך.

*

**טראנסוואל.** — די וויכטיגקייט פון טראנסוואאל פאר ענגלאנד. נישט אומזיסט האבען די ענגלענדער אפעטיט צו טראנסוואאל, טראנסוואאל איז טאקי א פעטער ביסען... דאס קען מען ארויס-זעהען פון דעם חשבון: אים יאהר 1883 האט מען אריינגעפיהרט אין טראנס-וואאל סחורות פאר 9 מיליאן פראנק, און אים יאהר 1896 האט מען שוין אריינגעפיהרט מעהר ווי פאר 382 מיליאן פר'. אין יאהר 1895 האט מען ארויסגעפיהרט סחורות $8^1/_2$ מיליאן קילאגראם, און אין יאהר 1898 — 6 מאל אזוי פיעל. דער הויפט-ארטיקעל פון עקספארט (ארויסגעפיהרטע סחורה) איז שטיינקאהלען, און דער צווייטער ארטיקעל איז גאלד און ברילאנטען. אין יאהר 1898 האט מען ארויסגעפיהרט גאלד פאר 406 מיליאן פר., און ברילאנטען פאר 1,093,250 פר'. פאר א יאהרען איז געווען ריינער ריוח אין די גאלד-גרובען 155 מיליאן פר', און די גרעסטע טהייל דערפון איז געקומען אין די הענד פון די אייראפעאישע אקציאנערען.

---

# מיין ליעד.

נישט פאר די פערצווייפעלטע, פערוואגעלטע, געשטארבענע
ווילט זיך מיר איצט אויסזינגען איין טרויעריגעס ליעד;
נישט פאר די דערשלאגענע, הערקומערטע, פערדארבענע,
שטענדיג ווי דערהרג'עטע, פינסטער, שוואך און מיעד.

נישט פאר די וואס יאמערען, וואס וויינען און וואס טרויערען
אויף צרות, שלעק, פורעניות, אויף אונזער פיין און שאנד,
נישט פאר די וואס קענען נור בקלאגען און בעדויערען
דעם חורבן גרויסען, שרעקליכען אין אונזער טייער לאנד.

נישט פאר די וואס זיפצען נור אויף דעם גלות ביטערען,
וואס נעהמען זיך דעם לעבען שיער, וואס שלאגען קאפ אן וואנד
וואס שטעהען נור פון וייטען גאר, און פלאטערען און ציטערען
אין וואסער עטוואס קעלטליכע אריינלעגען די האנד.

וואס העלפען טרעהרען נארישע דעם גלות לאנגען, יודישען?
וואס קלאגט איהר אויף געשטארבענע, ווען ס'הענגט אויף אייך
א שווערד?
וואס העלפט דער וויינען, יאמערען? — איך קען זיך ניט פער-
הרושען. —
מתים לאנג בעגראבענע וואס וועקט איהר פון דער ערד?...

* * *

פאר מענשען אזוינע, וואס העלפען און ניצען,
וואס טהוען און בויען, וואס שטארקען און שטיצען;
פאר די וויל איך זינגען א ליעד...
א פרעהליכעס ליעדעל, א ליעדעל פון לעבען,
א ליעד פון גבורה, פון האפענונג, שטרעבען,
פון פרייהייט, פון גליק און פון פריעד...

פאר מענשען, וואס קענען זיך קיין מאל ערשרעקען,
פאר אומשטענדע שלעכטע, פאר'ן אייזערנעם שטעקען
קיין מאל פערלארען דעם מוטה.
ווען איין האנד פערטהיידיגט, פערשטעלט זיך פון פייער,
ארבייט די צווייטע נאך שטארקער, געטרייער,
און קיין מאל געשווינגען, גערוהט.

פאר מענשען וואס קוקען מיט שטאלץ אויפ'ן לעבען,
וואס האבען זיך קיין מאל איהם אונטערגעגעבען,
וואס העלפען און ווערען נישט מיעד;
פאר זיי וויל איך זינגען נצחון און גבורה,
א פרעהליכעס ליעדעל, א זמר, א שירה
פון פרייהייט, פון גליק און פון פריעד.

מ. קאפלאן.

* * *

פֿיעל פֿינסטערע נעכט האב איך ליעדער געשריבען
און ריימען ווי זילבער, ווי פערל געקליבען;
זיי האבען געלויכטען אין פֿינסטערע נאכט
און האבען מיין לעבען ניט ליכטיג געמאכט...

א. רייזען.

## קאליהעס.

א ראמאן אויס דעם יודישען לעבען אין רוסלאנד.

פֿון מ. ספעקטאר.

II.

ה י ר ש ע ל.

איבערמארגען זענען אלע געווען אויף דעם וואגזאל בעגלייטען אידאן. איהר מוטער און די שוועסטער האבען געוויינט. איהר פֿאטער איז ארומגעגאנגען צוטראגען, זיין פֿרעהליכקייט און צופֿרידענהייט וואס זיין טאכטער פֿאהרט לערנען, איז אוועק, ווען עס איז געקומען די צייט זיך שיידען מיט זיין ליעבסט קינד. חיים, איהר שוועסטערס מאן, האט שפאצירט הין און צוריק צוזאמען מיט הירשלען ווארטענדיג ווען דער צוג וועט אנקומען. אידא האט פֿרעהליך גערעדט מיט איהרע חבר'טעס וועלכע האבען זי אויך בעגלייט און מקנא געווען וואס זי פֿאהרט אין דער גרויסער שטאדט פעטערסבורג.

הירשעל איז געווען זעהר טרויריג. איהם האט זיך ביז יעצט נאך אלין ניט געגלויבט אידא זאל אוועק פֿאהרען, און איצטער פֿאהרט זי טאקי. ער האט ניט גערעכענט, ער זאל אזא ענטפֿער פֿון אידאן בעקומען. ער איז אזוי זיכער געוועזען, אז זי ברויכט נור הערען פֿון איהם איין ווארט, פֿאהרט זי ניט, און וועט זיך שעצען פֿאר גליקליך, וואס ער, הירשעל, דעם גביר'ס זוהן, פֿרעגט זי ניט אויף קיין נדן און וויל מיט איהר חתונה האבען. ער איז גרייט מלחמה צו האלטען מיט זיינע עלטערען, מיט דער גאנצער שטאדט צוליעב איהר, זי זאל זיין פֿרוי זיין, און צום סוף האט זי אלעס אויסגעהערט און איהם גאר ניט געענטפֿערט. זי האט יא געענטפֿערט, נאר ער פערשטעהט ניט וואס זי פֿערלאנגט פֿון איהם. זי האט זאגאר גערעדט, געווען אזוי גוט און פֿריינדליך מיט איהם, נאר דער קאפ האט זיך איהם געדרעהט, פֿאר די אויגען האט ער מעהר ניט געזעהן ווי א טומאן, און האט ניט געהערט, ניט פֿערשטאנען איהרע ווערטער.

צום הונדערטסטען מאל האט ער זיך איצט אנגעהויבען דערמאנען דעם גאנצען געשפרעך וואס ער האט נעכטען געהאט מיט איהר, זיך געשטארעט דערמאנען יעדעס ווארט און אלעס פֿערשטעהן, אלעס פֿערטייטשען, אלעס זיך ערקלערען.

— איך פֿאהר, איך מוז פֿאהרען, ניט דו קענסט מיך דערפֿון אפּהאלטען, — האט זי געענטפֿערט.

— ווער זשע דען קען דיך דערפֿון אפּהאלטען, — האט הירשעל דערויף געפֿרעגט — ווער דען אז ניט איך? איך ווייס אז פֿון קינדהייט אן האבען מיר זיך ליעב. און איצט האטש מיין פֿאטער איז א גביר, האטש איך קען קומען צו דעם גרעסטען שדוך, בין איך גרייט זיך ראנגלען מיט מיינע עלטערען, מיט מיין גאנצער פֿאמיליע צוליעב דיר, אז מיר זאלען זיך קיין מאל ניט ברויכען צו שיידען. וואס זשע נאך קענסט דו פֿון מיר פֿערלאנגען? איך גיב דיר אוועק מיין גאנץ לעבען, און וועל זיך שעצען פֿאר דעם גליקליכסטען אז דו וועסט מיין לעבען צונעהמען.

— וואס זשע, פֿרעג איך דיך, קען איך טהון מיט דיין לעבען? — האט אידא געזאגט.

— וואס הייסט? מיר וועלען גליקליך לעבען, ווי אלע מאן און ווייב לעבען.

— ווי אלע קאליקעס, ווילסט דו זאגען, ווי מיין שוואגער לעבט מיט מיין שוועסטער. זיי האבען זיך אויך ליעב, נאר ווי זענען זיי אומגליקליך.

— חיים איז ארום, ער איז ניט אין שטאנד זיין פֿרוי און קינדער מפרנס צו זיין, און דו ווייסט אז איך בין רייך און האב רייכע עלטערען. און מיר קענען אין אלעמען זעהר גליקליך זיין.

— ווען חיים האט חתונה געהאט מיט מיין שוועסטער, האבען זיי אויך געהאט געלד און ער איז אויך זיכער געווען, אז ער מעג חתונה האבען און וועט אין שטאנד זיין אויסצוהאלטען זיין הויז. דאס רוב וואס האבען חתונה מיינען אזוי און דו מיינסט אויך אזוי.

— א שען פֿערגלייכעניש! חיים צוזאמען מיט דיין שוועסטערס נדן האט פֿערמאגט פֿופֿצעהן הונדערט אדער אפשר צוויי טויזענד רובל, און מיין פֿאטער גיט מיר צעהן טויזענד, אפשר פֿופֿצעהן טויזענד. און דערצו בין איך איין־איינציגער זוהן... א שען פֿערגלייכעניש, חיים אדער איך?...

— דאס איז אמת, דו האסט א סך מעהר געלד, ווי חיים האט געהאט, נאר דאס איז קיין גרויסער אונטערשיעד. יעדער איבער זיין פעקיל, הייסט בעל־בית, יעדער מיט זיין געלד איז ביי זיך א גביר. עס איז אויך אמת, אז געלד איז זעהר א גוטע און נייטהיגע זאך אין לעבען. אלעס וואס מען האט, וואס מען פֿערמאגט קומט צו ניטץ אין לעבען. געלד, הייזער, זילבער, גאלד, צירינג, אלעס וואס דו אדער דיין פֿאטער פֿערמאגט, איז זעהר גוט. אבער איך פֿרעג דיך, וואס קען אזוינער ווי דו טהון, ווען עס ווערט חו"ש דאס אלעס פֿערלארען? דאס לעבען איז לאנג, אין לעבען קומט אלין פֿאר, ווער שמועסט נאך אין אונזער יודישען לעבען, געלד איז קייליכיג. איצט פֿרעג איך דיך, וואס קענסט דו דאן טהון. איך וויל דיך פֿרעגען, וואס ביזט דו הירשעל אליין אהן דעם געלד?...

— איך?.. איך?.. — האט ער קוים געקענט אויסרעדען, און דער קאפ האט זיך איהם פֿערדרעהט. ער האט שוין מעהר ניט געהערט וואס זי האט נאך גערעדט. דערווייל זענען אנגעקומען די הויזלייט און האבען זייער געשפרעך געשטערט. אזוי איז אוועקגעפֿלויגען די צייט, און אידא איז שוין איצט אויף דעם וואגזאל. זי האט שוין א בילעט גלייך קיין פעטערסבורג. איהר באגאזש איז שוין אפגעגעבען, און אין נאך צעהן מינוט קומט שוין אן דער צוג.

אידא איז שטארק פֿערנומען מיט איהרע חבר'טעס. זיי לאכען, זיי רעדען אלע צוזאמען, און מען קושט זיך. חיים שפאצירט מיט הירשלען איבער דער פלאטפֿארמע הין און צוריק. ער רעדט עפיס צו איהם, ער דערצעהלט איהם. הירשעל קוקט איהם אין די אויגען, זאגט איהם יעדע מינוט „נו, ווייטער, דערצעהל" ווי גלייך ער הערט איהם מיט אינטערעס. נאר ער הערט קיין ווארט ניט און טראכט וועגען נעכטיגען געשפרעך מיט אידאן.

— „וואס ביזט דו הירשעל, אהן דעם געלד?" פֿרעגט זי מיך. צי זי איז מיינע שונאים אראפּ פֿון זינען צי וואס? וואס הייסט וואס איך בין? געלויבט גאט, נישט צו פֿערזינדיגען, פֿיעל יונגע לייט וואלטען זיך געווואונשען זיין אויף מיין ארט, אין מיין שטאנד, און זיין אזוי ווי איך. וויפֿיעל מאל האט זי מיר אליין געזאגט, אז איך בין דער לייטישסטער יונגער מאן וועלכען זי קען. און איצט פלוצים פֿרעגט זי מיך „וואס בין איך אהן דעם געלד".

און באמת האט זיך הירשעל אין לאווראווע גערעכענט פֿאר אייגעם פֿון די לייטישסטע יונגע לייט. קינדהייט האט ער געלערענט אין חדר. שפעטער האט ער גענומען שטונדען ביי דעם בעסטען לעהרער, ביי אידאס פֿאטער נחמן ליפשיץ. א דאנק איהם קען ער אנשרייבען א שענעם העברעאישען בריעף, א רוסישען בריעף, אביסעל דייטש אויך. ער

האָט ביכער און ציַיטונגען, און לייענט ווען ער האָט ציַיט, עס איז אויך אַריַינגעקומען צו איהם אַ פְּלֵי־זֶמֶר ביַי וועלכען ער פּלעגט נעמען שטונדען אויף פּידעל שפּיעלען, און ער שפּיעלט ווען ער האָט ציַיט, אָדער שַׁבָּת צו נאַכטס ווען זיַינע עלטערען ווילען האָבען נַחַת און בעטען איהם שפּיעלען. מיט איין וואָרט ער קען אַלעס, וואָס עס פּאַסט נור פאַר אַ היַינטוועלטיגען נְגִיר׳שען יונגען מאַן.

דערצו זאָגען אַלע אין לאַוועראָווע אַז הירשעל איז אַ שענער יונגער מאַן אויך. אַ וויַיס געזיכט, אַ שוואַרץ בערדיל, אַ שענעם קאָפּ, שוואַרצע קוטשעראַווע האָר, שוואַרצע גלאַנצענדע אויגען, אַגלייַכע נאָז, וויַיסע ציין, רויטע בעקליך, ער רעדט געלאַסען; ער געהט שען געקליידעט און געפּוצט: דאָס שענסטע שטעקעלע, דעם פיַינסטען זיַידענעם פּאַראַסאָל, אַ וואַרשאַווער הוט פון דעם לעצטען פּאַסאָן. אין האַראַקטער האַלט מען איהם אויך פאַר אַ גוטען, פון אַ נְדָבָה זאָגט ער זיך קיין מאָל ניט אָפּ, ער רעדט מיט יעדען פריַינדליך.

פּיעל מיידליך אין לאַוואָראָווע זענען אין איהם פערליעבט, און פּיעל וויַיבליך געפעלט ער. אַלע מיידליך ווינשען זיך אַזוינע חֲתָנִים חאָטש מיט ווינציגער געלד, און אַלע וויַיבליך מעסטען זייערע מענער מיט הירשעלס מאָס.

די גאַנצע שטאָדט קען איהם, אפילו אין די הינטער־געסליך. דאָרט קען מען אָפט הערען ווי די שניידער־מיידליך זינגען אַ ליעד ביַי דער אַרבייט וועגען הירשלען:

די לְבָנָה שיַינט אין מיטען דער נאַכט
און הירשעלע שטעהט ביַי דער טהיר,
איך זיפּ׳ן און קרעכץ, איך בין פערטראַכט
אוי אַ וויַיטאָג איז מיר.
דיַינע האָר וואָלט איך אויף מיַין האַלז געטראָגען
אַזוי ווי דו דיַין גאָלדענע קייט,
אין זינען וואָלט איך דיך געהאַלטען
אפילו פערשלאָפענער הייט.
איך לעג אַוועק דאָס נעדעלע,
איך עפען אויף דאָס לעדעלע
און זעה אַ שענע נאַכט,
וויַיסטו הירשעלע וואָס איך טראַכט?
אוי ער זעהט ניט,
אוי ער הערט ניט,
אומזיסט מיַין טראַכטען,
אומזיסט מיַין ליידען א. ז. וו.

און ווער האָט גאָר געקענט טראַכטען וועגען איהם, אַז די שַׁדְכָנִים האָבען איהם שוין לאַנג אָפּגעשאַצט אין פופצען טויזענד רובל נְדָן? אין לאַוואָראָווע און אַרום לאַוואָראָווע האָבען זיך אַלע יודען געוואונשען אַזאַ איידעמיל, אַזאַ „פּעפּעריל", ווי די שַׁדְכָנִים פּלעגען איהם אָנרופען. און איצט האָט אידאַ, איין אָרימען לעהרערס אַ מיידיל, זיך ענטזאַגט פון איהם און פון זיַין רייכטום.

אין אָנהויב איז איהם אָנגעקומען אַ כַּעַס אויף אידאַן, אויף איהר פאָטער, אויף זייער גאַנץ הויז. זי איז משוגע און איהר פאָטער איז משוגע, ער האָט זי אַזוי שען אויסגעלערענט. נאָר ווען הירשעל האָט זיך בערוהיגט, האָט ער זיך אַליין פּאָרוואַרפע געמאַכט, ווי האָט ער גאָר געקענט אַזוי טראַכטען וועגען זיין לעהרער וועלכען ער און יעדער שעצט אַזוי, און נאָך מעהר ווי האָט ער געקענט אַזוי טראַכטען וועגען די קלוגע שענע געראָטענע אידאַ׳ן, וועגען זיין אידאַ׳ן.

זי האָט מיר צוגעזאָגט שריַיבען. זי האָט מיך געבעטען שריַיבען. אפשר וועט זי גיך קומען צוריק אַ היים, האָט זיך הירשעל געטרייסט. אַז איך בין ניט משוגע געוואָרען פון נעכטען אָן טראַכטענדיג, בין איך שטאַרקער פון איַיזען. „ווער בין איך?" פרעגט זי מיך. צוזאַמען אין איין שטאָדט געוואַקסען. שוין אַזוי פּיעל יאָהרען אַז מיר זענען זיך ערגעבענע פריַינד און איצט פרעגט זי מיך פּלוצים „ווער איך בין".

נאָר אַזוי טראַכטענדיג איז ער מיט חיים׳ן פאַרביַיגעגאַנגען נעבין אידאַ׳ן ווי איהרע פּיעל חַבֵר׳טעס האָבען זי אַרומגערינגעלט. זיי האָבען זיך אויך נעבין זיי אָבגעשטעלט, הירשעל האָט זיי אַלע בעטראַכט און זיך געווענדעט צו חיים׳ן.

— אידאַ איז שענער פון אַלע איהרע חַבֵר׳טעס.

— אַ נייעס! אַמעריקאַ האָסט דו געעפענט! האָט זיך חיים אונגערופען, שוין זשע האָסט דו עס ערשט איצט בעמערקט? מיר דאַכט זיך אַז דו וויַיסט שוין לאַנג, אַז מיַין שוועגערין איז די שענסטע ביַי אונז אין שטאָדט.

— נור איך, זאָגסט דו, וויַיס עס?

— אַז אידאַ איז אַ שענע און מיט פּיעל מַעֲלוֹת וויַיסען אַלע, און יעדער ווער עס זעהט זי נאָר, ווער עס רעדט מיט איהר.

— איהרע עלטערען קענען זיך פיהלען גליקליך וואָס זיי האָבען אַזאַ קינד.

— ניט מיט אַלעמען. די שוויגער איז ניט צופרידען וואָס זי פאָהרט לערנען און דער שווער איז ניט צופרידען וואָס אידאַ איז געבוירען אַ מיידיל. אַ יונגיל וואָלט אידאַ בעדאַרפט געבוירען ווערען, זאָגט ער ישטענדיג.

— איהרע עלטערען זענען דען ניט גערעכט וואָס זיי ווילען ניט אַז זי זאָל אַוועקפאָהרען.

— אַלע זענען גערעכט, נאָר איך פרעג דיך, וואָס קען טהון אַזאַ מיידיל ביַי אונז אין לאַוואָראָווע, זיצען פאַרלעגט די הענד ווי דאָס מעהר יודישע מיידליך, און וואַרטען אויף אַ חָתָן, דאָס קען אידאַ ניט, זי האָט אין זיך צופּיעל לעבען, זי איז צופּיעל קלוג זי זאָל ניט פערשטעהן וואָס קען זי אויסזיצען ביַי איהר אָרימען פאָטער, קיין נְדָן קען ער איהר ניט געבען.

— אַזאַ שענע געראָטענע ווי אידאַ איז, וואָלט זיך געפינען אַ חָתָן וואָס וואָלט זי גענומען אָהן נְדָן. אַזוינע מיידליך ווי אידאַ פאַרזיצען ניט.

— קיין יודישע טאָכטער פאַרזיצט ניט. דאָס גליק וועט זי שפּעטער אויך ניט אָנווערען.

— זי קען יאָ אָנווערען, האָט הירשעל געזאָגט. און עס איז איהם אויפגעקומען אויף דעם געדאַנק, ער זאָל אַלעס דערצעהלען חיים׳ן, און עפענען פאַר איהם זיַין האַרץ. עס האָט איהם אָנגעהויבען באַנג טהון פאַר וואָס ער האָט נעכטען איהם ניט דערצעהלט, פאַר וואָס האָט ער ניט גערעדט מיט איהרע עלטערען, אפשר וואָלטען זיי דאַן ניט געלאָזט אידאַ׳ן פאָהרען, אפשר וואָלט זי נאָכהער אַליין פערשטאַנען אַז ער, הירשעל, איז פאַר איהר אַ גליק.

דערוויַיל איז אָנגעקומען דער צוג, מען האָט אָנגעהויבען אַריַינטראָגען אידאַ׳ס פּעקליך אין וואַגאָן, מען האָט זיך אָנגעהויבען געזעגענען. הירשעל האָט אַליין ערוואַרטעט אַז אידאַ וועט איהם עפּיס נאָך זאָגען, נאָר זי איז נאָך אַלין געווען פערנומען מיט איהרע חַבֵר׳טעס, מיט וועלכע זי האָט זיך שוין אָנגעהויבען געזעגענען. נאָכהער האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפען אויף די עלטערען, אויף דער שוועסטער, זיך צוקושט מיט זיי און געוויינט. מען האָט שוין געהערט דעם צווייטען קלונג. די חַבֵר׳טעס האָבען אָנגעהויבען איילען, זי זאָל זיך שוין אין וואַגאָן זעצען. אויף גיך האָט זי זיך געזעגענט מיט דעם שוואָגער, מיט הירשלען און מעהר ניט געזאָגט ווי „זייט געזונד!"

פערוויינט מיט פולע אויגען טרערען, נאָר לאַכענדיג און פרעהליך, האָט זי אַרויסגעקוקט פון איין אָפען וואַגאָן פענסטער, און זיך איבערגערעדט מיט די בעגלייטער.

הירשעל האָט דורך דעם פענסטער בעמערקט נעבין אידאַ׳ן זעהר אַ שענעם יונגען מאַן וואָס האָט אַלי׳ן עפּיס פריַינדליך ניט אויפגעהערט צו רעדען מיט אידאַן. זי האָט אַלע מאָל איהם געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

הירשעל האט געוואלט אריין אין וואגאן, און זאגען עפּיס אידאן אזוינס, וואס ער ווייסט אליין ניט, ווי אזוי ארויס צו זאגען. זיין גאנץ ביטער הארץ האט ער געוואלט איהר אויסגיסען. זאל זי חאטש וויסען, ווי ער ליידט, ווי ער מוטשעט זיך, און ווי איהר ארט דאס ניט. זאל זי וויסען ווי שלעכט זי איז, זי האט קיין הארץ ניט. ער וואלט איהר געזאגט, אז ער האט ניט פערדיענט, אז זי זאל זיך מיט איהם אזוי בענעהן. ער וואלט איהר געזאגט, אז זי האט איהם אבגענארט, זי איז געוועזען פאלש מיט איהם. אט וואלט ער געשריגען אויף איהר, זי גערזידעלט, אט וואלט ער געבעטען, געוויינט, זי זאל אויף איהם רחמנות האבען, ער וואלט... נאר אט הערט זיך דער דריטער קלונג און דער צוג ריהרט זיך און ריהרט זיך... הירשעל האט ווידער געזעהן ווי דער שענער יונגער מאן ביים פענסטער רעדט און שמייכעלט אזוי פרעהליך מיט אידאן, און ווייטער האט הירשעל גאר ניט געזעהן.

געהענדיג פון וואגזאל האט ער זיך פלוצים דערמאנט אין אלע אידא'ס פעהלער, קיין איינציגע מעלה האט ער אין איהר ניט געפונען. זי איז גאר ניט אזוי שען, זי איז גאר ניט אזוי קלוג, זי איז א שלעכטע, זי איז ניט דאנקבאר; ער, הירשעל, איז שטענדיג בלינד געוועזען. און זי האט נור געלאכט פון איהם. זי זיצט איצטער אין וואגאן מיט דעם יונגען מאן, און מען לאכט און מען פערברייננט פרעהליך. זיין הארץ האט איהם געזאטען פון כעס, ער האט עפּיס געזוכט נקמה האבען אין איהר.

אין א פאר מינוט שפעטער האט ער אידאן געזעהן שוין אין איין אנדער געשטאלט. איהרע גוטע בלויע אויגען קוקען אויף איהם אזוי פריינדליך און ערגעבען. זי רעדט אזוי קלוג, אזוי זיס, און ער געפינט אין איהר נור גוטע מעלות, קיין איינציגען פעהלער. ער זוכט צווישען אלע איהרע בעקאנטע הבר'טעס האטש איינע וואס זאל זיין עהנליך צו איהר, נאר ער געפינט ניט.

— אידא איז נור איינע, איינע. עס איז קיין גלייכען צו איהר ניט דא. איך האב זי פערשפּיעלט. איך האב צו שפעט זיך ארומגעקוקט, צו שפעט מיט איהר גערעדט, אבגעלייגט אויף דעם לעצטען טאג. איך האב זיך ניט געקענט פארשטעלען אידא זאל מיר אזוי ענטפערען...

ווען הירשעל איז געקומען אהיים האט איהם די דיענסט דערלאנגט א בריעף.

— דעם נאמן'ס א קינד האט דעם בריעף געבראכט, — האט זי געזאגט.

ער האט אין דעם אדרעס באלד דערקענט אידאס האנדשריפט.

(פארטזעטצונג קומט.)

---

## געשיכטע און מאטעריאל צו געשיכטע.

א מענש דערמאנט זיך די אמאהליגע יאהרען אין פערשיעדענע לאגען, צו פערשיעדענע צוועקען.

אפט שטעלט זיך אב א גליקליכער, "מזל'דיגער" מענש, און בעטראכט דעם וועג, וואס ער האט דורכגעמאכט, דערמאנט די וויכטיגערע פאקטען פון לעבען. ערטהוטעס, מעהרסטענטהיילס, כדי נחת צו שעפען; כדי זיך צו לויבען פאר זיך, פאר הויז־געזונד און פריינד. עס הייסט: הערט און זעהט וואס איך בין, וואס איך קען! און ער ווארפט אלעמען אין פנים אריין זיין בינטעל מצוות און מעשים טובים! זיינע חכמות, זיינע גבורות, זיין הצלחה! וואס ער נעמט אין האנד אריין, ווערט גאלד; פון די ערגסטע געשעפטען — שמאלץ גריבער! און ער האט זיך קיינמאל פון קיינעם נישט געלאזט "שפייען אין קאשע אריין", נישט אויסרייסען, נישט אויסנארען!... אויסער, אז מען האט איהם אונטערטהעניג געבעטען; דעמאלט האט ער געהאלפען, מיט'ן גרעסטען פערגניגען געהאלפען!

און איין אונגליקליכער, וואס גראבעלט ער אין זיינע זכרונות?

ער זוכט האפנונג, טרייסט און גאנץ אפט אויך איין עצה אויף שפעטער!

ער האט אויך אמאל גוטע צייטען געהאט, עס האט איהם אויך אמאל געגליקט, און וואס אמאל איז געוועזען קען נאך אמאל זיין!

אויסהאלטען וועט ער אוודאי! ער האט אזוי פיעל איבערגעלעבט! ווער עס איז ארויס פון פייער, וועט ארויס פון וואסער!

טהייל מאל זוכט ער עפּיס אנדערש: עס פאלט איהם אליין פון דער האנד ארויס, עס ברעכט זיך אונטער איהם יעדע בריק, — צי זענען באמת שולדיג נור גאט און לייט? און ער אליין? צי האט ער שטענדיג געוועהלט דעם ריכטיגען וועג? אין אויג געהאט שטענדיג דעם ווירקליכען צוועק?

---

דאס זעלבע געשיהט ביי פעלקער.

גליקליכע פעלקער לערנען און דערצעהלען דער וועלט זייער געשיכטע, אום זיך אליין צו לויבען. יעדעס פאלק האט זיין אייגענע וועלטגעשיכטע, וואס ריהמט זיין קלוגשאפט, זיין רייכטהום, זיין העלדענמוטה, זיינע ערפינדונגען... מיט גאלדענע, הויך־שרייענדיגע אותיות ווערען פערשריבען די גליקען, די חכמות, די מעשים טובים! ארימע פעלקער זוכען אין זייער געשיכטע נור האפנונג, טרייסט און איין עצה אויף שפעטער!

ערשט נישט לאנג האט זיך ביי אונז געהערט נור איין געשריי: ווייטער! פארווערטס! מיט דער צייט, מיט דער פאליע! אל־דאס־גוטס וועט זיין, אי די רעכטע (פראוועס), אי כבוד, אי פרנסה בכבוד!

דער זייפענבלאז האט געפלאצט און דער עולם האט זיך אבגעשטעלט דערשראקען. דער עולם האט זיך אבגעשטעלט און אנגעהויבען קוקען צוריק, אנגעהויבען בעטראכטען דעם לאנגען וועג, וואס מען האט דורכגעמאכט, איבערטראכטען די צייט, וואס איז לאנג, אדער ערשט נישט לאנג, אריבער!

"— רעאקציע!" האט מען געשריגען. טהייל מיט פרייד, אנדערע מיט צארן און צער, אוןביידע האבען א טעות געהאט, עס איז קיין רעאקציע, נאר א געוועהנליכער, נאטירליכער און א ניצליכער דראנג צו היסטאריע! צו דער געשיכטע, אין וועלכער מען זוכט, וויסענדיג און נישט וויסענדיג, טרייסט, האפנונג, און אראטה אויף שפעטער!

און די היסטאריע דערציילט אונז פיעל, זעהר פיעל! זי זאגט אונז ערשטענס, אז מיר האבען אמאל גוטע, גאלדענע צייטען געהאט; אז מיר זענען נישט קיין געבוירענע שנארער, קיין אייביגע טעלערלעקער; אז מיר זענען אויך אמאל פריצים געוועזען און אין אייגען לאנד געלעבט, און מאנכע הויבען אן טראכטען: צי קענען די צייטען ניט צוריק קומען?

זי זאגט אונז, צווייטענס, אז צו פיעל שרעקען און אבהענדיג ווערען דארף מען אויך נישט. "אלעס דא געוועזען!" און מיר האבען נאך ערגערס, נאך שרעקליכערס איבערגעלעבט און הונדערטער מאל אויף אונזערע זייגערס קברים געזעסען, געלאכט און געוויינט!...

און דריטענס לערנט אונז די געשיכטע, אז מיר אליין זענען אויך אביסעל שולדיג, מיר האבען די צייטען נישט ריכטיג פערשטאנען ווייל די גוטע צייטען זענען געוועזען נישט פאר אונז! אמת, מיר האבען זיך אמאל צוגעהאפט צום טיש, אריינגעביסען אין פאשטעט, מיר האבען אויך אמאל אביסעל ווין פערזוכט, נאר — מיר האבען עס אונטער פרעמדע מאסקען געטהון! מיר האבען שטענדיג "הוצאה והכנסה", דעם גאנצען יודישען "אה" און "לה" אויף א פרעמדע קאנטא געשריבען! עס איז נישט פינסטערער געווארען, ווי מען זאגט און מען מיינט, פערקעהרט — עס איז העלער געווארען און ערשט ביי דער העלקייט האבען מיר אונזער פינסטער פנים דערזעהן!

---

דער דראַנג צו געשיכטע איז אַ פֿאָלקס־בעוועגונג.

צי איז אַ פֿאָלקס־בעוועגונג נור די סומע, נור דער סך הכּל, פֿון בעוועגונגען פֿון איינצעלנע מענשען, וואָס האָבען, דאַנק דער היסטאָרי־שער ערציהונג, דען זעלבען כאַראַקטער און רעאַגירען (ווירקען צוריק) אויף דער איינענער אָרט אויף די זעלבע אורזאַכען (סבּות)?

צי איז די פֿאָלקס־מאַסע טויט און עס לעבען אין איהר נור איינ־צעלנע העכערע און בעסערע מענשען, איינצעלנע פֿיינערע נאַטורען, — דאָס זויערטייג אינ׳ם טייג, — און זיי נור ערוואַכען, הויכען אין דעם עולם זייער הייסען אָטהעם, זייער „שם“ און די מאַסע לעבט ערשט דאַמאָלס אויף און ווירקט און טהוט, ווי אָנגעשטעקט?

און אפשר שלאָפֿען די אַלע אידעען, וואָס איינצעלנע מענשען טראָגען פֿאַר דער וועלט, אין אַלע הערצער, אין אַלע קעפּ, און פֿריהער נור ערוואַכען זיי ביי נערוועזע נאַטורען און זיי ערשט וועקען אַנדערע, און מיר האָבען צו טהון נור מיט וועקער, נישט ערפֿינדער?

און אפשר איז יעדעס פֿאָלק איין אָרגאַניזם און האָט זיין אייגענע נשמה, זיין אייגענעס קוואַלען פֿאַר געפֿיהלען און אידעען, און די נשמה, די גרויסע הויכע פֿאָלקס־נשמה, וואָס דרימעלט אונטער דעם לאַסט פֿון פּריוואַט נשמות מיט זייערע פּריוואַט־אינטערעסען ערוואַכט ערשט דעמאָלס ווען די געפֿאַהר ווערט אַלגעמיין, ווען עס ריהרט אָן דעם תּוך, דעם עיקר?

די פֿראַגען וועלען מיר איבערלאָזען פֿאַר פּסיכאָלאָגען, פֿאַר אונז איז גענוג דער פֿעסטגעשטעלטער פֿאַקט, אַז דער דראַנג צו היסטאָריע איז אַ פֿאָלקס־דראַנג, אַ ניצליכער פֿאָלקס־דראַנג, אָהן אַ שפּאָר פֿון רעאַקציע.

די בעוועגונג צו לערנען אונזער געשיכטע האָט נאָך אַ וויכטיגע מַעֲלָה, זי וועט אונז געבען דאָס, פֿאַר וועלכען עס ציטערן אַזוי די „אַלטע מַשְׂכִּילִים“, וואָס האָבען איבער דער גאַנצער צייט גאָר נישט גע־לערנט און נאָר נישט פֿערגעסען, און מיט וועלכען אונזערע פֿיינד שרעקען איבער די וועלט. זי וועט אונז געבען דעם ווירקליכען „כָּל יִשְׂרָאֵל חֲבֵרִים“ די יודישע אַחְדוּת, וואָס איז ביז אַהער ליידער נור אַ חָלוֹם געוועזען, אַ בייזער חלום פֿאַר אַנטיסעמיטען און אַלטע משכּילים!

און פֿראַנק און פֿריי מעגען מיר דערמיט אַרויסטרעטען! אויב אונ־זערע „אַלטע משכּילים“ וועלען אויסגיעסען נאָך איין איימער טרעהרען, שאַדט נישט, וועלען זיי געשווינדער אויס־און אָבטריקענען און די אַנטי־סעמיטען האָבען גענוג צו טהון מיט׳ן „בּלבּול־דם“, זיי זאָלען זיך אַזוי שטאַרק מיט׳ן „כל ישראל חברים“ אינטערעסירען! און עס איז שוין צייט איינצוזעהען, אַז מיר מוזען צוזאַמענעהמען אַלע אונזערע צעוואָרפֿענע קרעפֿטען און אַרבייטען פֿאַר זיך!

דאָס צו פֿערשטעהען איז לייכט; נאָר פֿון „פֿערשטעהען“ קומען קיין גרויסע זאַכען נישט אַרויס. גרויסע זאַכען זענען פֿייגעל, וואָס נעסטען אין האַרץ, נישט אין מוח, און איין עכט יודיש האַרץ קען אונז געבען נור די געשיכטע!

מען דאַרף לערנען, מען דאַרף שטודירען אונזער געשיכטע! מען דאַרף זי אויך בויען, זאַמלען ציעגעל פֿאַר איהר! מען דאַרף זאַמלען מאַטעריאַל! און דאָס מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון אונזער צעוואָר־פֿען פֿאָלק, איז צעוואָרפֿען און צעשפּרייט אויף אַלע „שִׁבְעָה יַמִּים“, אין אַלע קריי־ווינקעליך, אין קעלער און אויףביידעם פֿוילען אַלטע רייסטער, אַלטע חברה־ביכער, אַלטע ספרים — דער אוצר פֿון אונזער געשיכטע! — ראַטיוועט די אויפשריפֿטען פֿון מַצֵּבוֹת איידער עס שווענקט זיי אָב דער רעגען, איידער עס וועט די מצבות אַליין אַריינציהען און איינ־שלינגען די ערד; ראַטיוועט רייסטער און ספרים, איידער עס וועלען זיי אויפפֿרעסען די מייז! די אַלטע שֵׁמוֹת זענען אונזער נְשָׁמָה־שֵׁמוֹת, היט, קאָפּירט און בעהאַלט!

די געדאַנקען האָט אין אונז אויפֿגעוועקט דאָס בעקומענע בוך: „רייסטער און אויפשריפֿטען, געזאַמעלט מאַטעריאַל צו דער יודישער גע־שיכטע אין רוסלאַנד“.

דאָס בוך האָט אַרויס געגעבען די פּעטערבורגער געזעלשאַפֿט פֿאַר פֿערשפּרייטען בילדונג צווישען די רוסישע יודען. געאַרבייט ביים זאַמלען האָט די עטנאָגראַפֿישע היסטאָרישע מיסיאָן, וואָס איז בעשטאַנען פֿון די הערען: מ. מ. ווינאַווער, א. ב. הארנפֿעלד, ל. א. סעוו, מ. ג. סירקין, לעווין, אַנטאָקאָלסקי, בראַמסאָן, פּרוצקוס, ווייגשענקער, ווינער, וואָלטקע, הערצפֿעלד, גאָלדבערג, גאָלדשטיין, זיידענמאַן, קאַי, לעווין, לוריאַ, פּפּערפּעקאָוויין, פּאָנאַריעלסקי, פּאָזנער, פּאָראָדאָווסקאַ־יאַנאָווסקאַ, טענענבוים, טריוואַס, טריקוס, טובים און פֿערבער. אַ יישר כח אין נאָמען פֿון גאַנצען פֿאָלק!

אינטערעסאַנט איז פֿאַר אונז די שטעלע אין דער פֿאָרעדע פֿון בוך, וואו די מיטאַרבייטער זאָגען: די אידעע, צו בעשעפֿטיגען זיך מיט אונזער אַרבייט, איז געבוירען געוואָרען אין אַ פֿערווירטער און טונקעלער צייט. פֿערמישט און פֿערווירט איז אויך געוועזען די געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיך דערצו גענומען, עס זענען געוועזען פֿאָרשטעהער פֿון פֿערשיע־דענע דורות מיט אָבגעריסענע שטיקער פֿון פֿערשיעדענע אידעען — אַל־געמיין מענשליכע, אַלגעמיין רוסישע, יודישע... אין די הערצער איז גע־וועזען איין אָבקלאַנג פֿון פֿערשיעדענאַרטיג דורכגעלעבטע לעבענס פֿאַק־טען, פֿון פֿערשיעדענאַרטיגע געפֿיהלען! פֿעראייניגט האָט אונז אַלע נור דאָס טונקעלע געפֿיהל אַז מען דאַרף עפּיס טהון, שטודירען, ער־קלערען ...און, טאַפּענדיג אין דער פֿינסטער, האָבען מיר זיך אָנגעשלאָ־גען אָן דער אַרבייט פֿאַר דער יודישער געשיכטע..... נאַר, וואָס מעהר מיר האָבען געאַרבייט, ליכטיגער, העלער האָט זיך אונז בעוויזען אונזער ציעל! די פֿ ע ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם היינ־טיגען טאָג; אינ׳ם אַלטען האָבען מיר דאָס נייע, און אין נייעם דאָס אַל־טע דערקאַנט! ...דאָס לעבען, דאָס אונמיטעלבאַרע, אָפֿט גרעבליכע לע־בען, מיט זיין גאַנצער העלקייט און פֿערשיעדען־אַרטיגע פֿאָרמען, מיט אַלע זיינע קליינינקייטען און זיגזאַקען האָט אונז אַרום גענומען פֿון אַלע זייטען... נאַר מיר וואַקעלדיגע און שוואַכע זענען אַרויס פֿון דעם באָד שטאַרקע און פֿרייע... „דער פֿערשטאַנד האָט אָנגעהויבען רע־דען, די האָפֿנונג בליהען...“

„ציינד ווייסען מיר, אַז מיר ל ע ב ע ן, אַז מיר ו ו י ל ע ן און ו ו ע ל ע ן לעבען!“

—ץ.

Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau

## אל כל דורשי ציון ושוחרי שפת קדשנו!

צרכי בני עמנו מרובים ומצבם החמרי רע מאד, בעוד אשר שאלותיהם ועניניהם בחיים ובספרה רבו ועצמו בימינו אלה ומחכים לברור וללבון כמשפט, כל אלה ימריצונו להוריד מעתה בשביל הקוראים ברוסיה את מחיר העתון הנודע

# הַשָּׁבוּעַ

שהיה עד כה׳ 5 רו״ב לשנה, עד המחיר היתר זול:

### 3 רו״ב לשנה, 2 רו״ב לחצי שנה

למען תמצא יד כל קורא עברי ברוסיה לאסוף אל ביתו את העתון הציוני והלאמי הזה, היו״ל בעיר ווין בעזרת בחירי סופרינו, ואשר קנה לו כבר שם טוב במפעליו השונים בעולם חיינו וספרתנו במשך שנות-קיומו.

„השבוע" שם לו למטרה: להשכיל לבני עמנו, להעירם לפעלה ולמעשה להפיץ תורת אמת והשכלה נאמנה, להרחיב את הרעיון הלאמי והציוני ורעיון הישוב בא״י.

„השבוע" איננו מתחרה בשום עתון עברי אחר, לו ערך בפני עצמו ערך תמידי וקים, וכל קורא עברי ימצא בו את חפצו.

„השבוע" יביא בכל גליון — המכיל שני גליונות בדפוס במעטפה מיוחדה — את הפרקים הקבועים האלה; א) מאמרים ראשיים בשאלות הזמן, הנוגעות בישראל בכל מקומות מושבותיו; ב) שדה צופים, שימת עין בעתונים ובספרים ובקרת על מאמריהם הנוגעים בישראל: ג) ממחנה צוררינו, כל דבר הנוגע בתנועה האנטיסמיטית בכל מקום ומקום; ד) השבוע, ברור ולבון המקרים היהר נכבדים, אשר נקרו ויאתיו בעולם היהודים, במשך השבוע; ה) מבשרת ציון, כל דבר הנוגע להתנועה הציונית, המדינית והמעשית, ולכל מפעלי רעיון הישיב בא״י: ו) נפוצות יהודה, חדשות מאחב״י בכל ארבע כנפות הארץ ומכתבים על דרכיהם וחייהם: ז) אוצר הספרה. הפרק הזה יפאר וישכלל בעמל מיוחד. בו יבואו מאמרים בחכמת ישראל, קורותיו ותולדותיו בעתים ובארצות שונות, ידיעות ספרתיות, מאמרי בקרת, ביבליוגרפיה, שירים וספורים בסגנון מיוחדים: ח) פיליטון, תמונות וציורים, שיחות ספרתיות וחזיונות הומוריסקות ומלי דבדיחותא מסופרים מומחים במקצוע הזה: ט) בכל מכל כל, חדשות כלליות ומקרי היום.

„השבוע" משלם לכל סופריו בעד פרי עטם ויש איפא לאל ידו לרכוש אליו את טובי סופרינו ברוסיה וחו״ל, החיים על עטם.

„השבוע" יבוא לקוראיו ברוסיה דרך ווארשא בסדר היתר נכון ויתן לחותמיו תו״מ ע״פ התנאים המבארים הלאה את

### התשורות האלה:

א) „האשכול" מאסף ספרתי ומדעי, המכיל כעשרים גליונות בדפוס מאמרים מגדולי סופרי ישראל וחכמיו בכל מקצעות ספרתנו (מחירו לבד הוא 1.20 רו״כ). את התשורה הזאת נתן לכל המשלמים כסף החתימה בעד כל השנה עד 15 יאנואר הבא (למנין הרוסי), וכל הקודם זכה!

ב) ס׳ **חליפת מכתבים**, מכילים דברי חכמה ובקרת על ספרים ועל חכמים מפארים, בין ר׳ אברהם יעקב ווייצנפלד ובין ושי״ר, שוח״ה, מיזס, צוויפיל מנדלסון, נפתלי קעלער, ישראל יפה (ש״ץ בקאליש), ועוד ועוד ובראשו תולדות ר׳ א״י ווייצנפלד, פרק אחד לקורות ההשכלה בקראקא (מחירו לבד הוא 75 קאפ׳) לכל המשלמים כסף החתימה לחצי שנה.

הנה כן במחיר שלשה רו״כ לשנה או שני רו״ב לחצי שנה יהי להקורא, מלבד עתון שבועי מלא וגדוש ענינים מועילים ונעימים, גם ספר רב הכמות והאיכות, באופן אשר „השבוע" יעלה לו באמת רק למחיר 1.80 רו״כ לשנה, 1.25 רו״כ לחצי שנה -- מחיר עתון עברי, שלא היה עוד לעולמים!

את מחיר „השבוע" ע״פ ההנחה החדשה, כרשום למעלה, נחוץ לשלוח ישר אל עורכו הראשי:

**Redacteur J. S. Fuchs, Krakau, Galizien.**

או לכל סוכנינו שלא ע״מ ל״פ. אולם החותמים על „השבוע" ע״י סוכנינו הידועים שע״מ ל״פ צריכים להוסיף על המחיר הנ״ל 25%. בביאליסטאק וסביבותיה אפשר לחתום על „השבוע' ע״פ מקחי הרידקציה ע״י: אברהם פוכס, מוה״ס אינדיצקי ומוה״ס ש. ריפשיץ, השולחים גם גליון למבחן לכל דורש.

---

## פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זשארגאָן, רוסיש און דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פרעגט אָן ביי:

Mme. Naiditsch, Dawid-Horodok, Gouv. Minsk, Russie.

---

## נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ׳ן אָרט אַ גוטע פרנסה אַיינפיהרען אַזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך אַ בריעף געגען אַ 7 קאָפּ׳ מאַרקע.

אדרעסירען:

Mr. Naiditsch, Post-Restant, Warschau, Russie.

---

## היט זיך!

### פיר א נאכגעמאכטען

און פאָדערט נור דעם ריכטיגען און פאָלשטענדיגען ספר **שבט יהודה** מיט די צוויי וויכטיגע היסטאָרישע צוגאבען. פון יצחק פונק׳ס פערלאַג.

1) גזרת ת״ח–ות״ט בעשריבען די שרעקליכע הריגות, יסורים, און ענוים, וועלכע יודען זענען דאן אויסגעשטאנען.

2) מסעי הצלב, אריכטיגע היסטארישע בעשרייבונג פון די קרייצפאַהרער: אלע שרעקליכע הריגות און שחיטות וועלכע יודען זענען דאן אויסגעשטאנען.

פאָדערט דעם שבט יהודה פון יצחק פונק׳ס פערלאג וועלכער איז דער ערשטער ערשיענען אין דער זשארגאנישער שפראכע און וועלכער איז אם בעסטען אָן גענומען געוואָרען. אַ בעווייז דאַצו דאָס די ערשטע אויפלאגע וועלכע איז בעשטאנען פון פיעלע טויזענדער עקזעמפליאַרען איז אין א קורצע צייט פערקויפט געוואָרען אין גאנצען: און יעצט האָב איך איהם אַפגעדרוקט פון דאָס ניי נאָך פיעל בעסער און שענער ווי די ערשטע אויפלאגע.

דיזער ספר איז ביז איצט געוועזען אין דער העבּרעאישע און אויך אין פיעלע אנדערע שפראכען, און איז אָנגענומען געוואָרען ביי אלע יודען אין דער גאנצער וועלט און מחמת זיינע פיעלע השיבות איז ער פערקויפט געווארען לאלפים ולרבבות.

יעצט האָבען מיר געפונען פיר נייטהיג, דיזען טהייערען ספר, איבער צוזעטצען אין ריינעם זשארגאָן בכדי צו צייגען אונזערע לעזער די גרויסע חסדים וואָס גאָט טהוט מיט אונז.

עס איז איבריג צו ריהמען דיזען טייערען ספר, דען ווער פון די העברעאישע לעזער האָט ניט געלעזען אָדער געהערט פון דיעזען ספר. ווען פון די לעזער האָט ניט איבעראשט די פיעלע שרעקליכע און שוידערהאַפטע צרות וועלכע יודען זענען אין פיעלע צייטען אויס־געשטאנען; די אלע לעזער ווייסען ווי וויכטיג דיזער טהייערער ספר איז.

### יצחק פונק אין ווילנא

מערקט אייך און פאָדערט נור דעם ריכטיגען און פאָלשטענדיגען

**שבט יהודה** פון **יצחק פונק׳ס** פערלאג.

אדרעססע: **Buchhandlung Jsak Funk, Wilno.**

---

## הַשִּׁלֹחַ.

### יצאה לאור חוברת נאוועמבר ונשלחה להחותמים.

וזה תוכנה:

א) תורת חיים ג. ד״ר ש. ברנפלד.
ב) הטוב והרע (המשך), הלל צייטלין.
ג) זכרונות תונה, ברשדסקי.
ד) מנהג ישראל, ש. א. האראדעצקי
ה) כלי הזמר בישראל, (המשך) פ. מינקאווסקי.
ו) משוררת עבריה באמיריקא, יעקב ז. רייזין.
ז) שני נביאים, שיר, י. ל. ברוכוביץ.
ח) מוסר היהדות (המשך), דר. ד. ניימארק.
ט) קהלות יעקב, י. ד״ר ב–ד.
י) מחשבות ומעשים, רבי קרוב.
יא) ענינים שונים (מכתב אל העורך א. א. לוברסקי. מקור השם „יואל", פ. ה ווטשטיין „מליצי ישראל", ב. הערה, נחמן חסיד)

מחירו לשנה 6 רו״ב, לחצי שנה 3 רו״ב.

נמצאו לממכר כרך I, II, IV, V מכורכים ומחיר כל אחד 3,40 ר׳.

Verlag „ACHIASAF" Warschau.

**DOM AGENTUROWO-KOMISOWY**

# WACŁAW HENRYK KREMKY.

AGENTURA i SKŁAD FABRYCZNY

**WYROBÓW PERFUMERYJNYCH**

A. SIOU & Co. w Moskwie.

REPREZENTACJE DOMÓW ZAGRANICZNYCH.

**Warszawa, Leszno Nr. 22.**

---

Ch. Ritzenberg.



Warszawa, Dzika 44.

די בעוואוסטע פאבריק פון גילזען מאשינען ארבייט אויס אויך מאשינען צו שטאָפ-גילזען נייעסטער סיסטעם. פיר גוטהייט און דויערהאפטיגקייט ווירד גאראנטירט.

---

## ברוכ-בענדער!



האלטען איין דען שווערסטען ברוך אונד דריקען נישט דעם קערפער. נאגראדע פאָן דאָקטאָרסקע אויסשטעלונג.

**D. MOSZKOWSKI,**
**Warszawa, Muranów 16.**

---

## „א. גאסעלניק׳ס אויסגאבען!“

אונטער דיזען נאָמען האָט אָנגעפאַנגען צו ערשיינען דורך די בוכהאַנדלונג פון אברהם גאָסעלניק, ווילנא, האָספיטאַלני 349 אַ גאַנצע סעריע פון פאָפולער־וויסענשאַפטליכע און בעלעטריסטישע ווערקע פון די בעסטע זשאַרגאָנישע שריפטשטעלער און איבערזעצער.

### ביז יעצט האבען ערשיינט:

1) די לעהרע פון לעבען (פיזיאָלאָגיע), ערשטער שיעור, פרייז 10 ק׳.
2) בילדער פון טהיער לעבען, נאָך רובאקען, פרייז 40 ק׳.
3) דאָס פפלאַנצענלעבען (באָטאַניק), פרייז 30 ק׳.
4) ווענמס גלויבען איז בעסער? ערצעהלונג פון גראף ל. טאָלסטאָי, פרייז 5 ק׳.
5) סאָקראַטעס דער גריכישער פילאָזאָף, פרייז 5 ק׳.
6) די לעהרע פון לעבען (פיזיאָלאָגיע), 2־טער שיעור, פרייז 20 ק׳.

אין די זעלבע בוכהאַנדלונג איז אויך דער הויפט פערקויף פון אַלע קאָטיקס אויסגאַבען:

1) ווי האָבען מענשען געלעבט מיט איינינע טויזענד יאָהר צוריק, פרייז 10 ק׳.
2) ערצעהלונגען וועגען ווילדע מענשען, פרייז 10 ק׳.
3) אַרבייט און קאַפיטאַל, פרייז 10 ק׳.
4) וועגען לופט, פרייז 10 ק׳.
5) אדם הראשון׳ס דורות אָדער די פּאָרהיסטאָרישע צייט פון מענשען פרייז 20 ק׳.
6) ווינטער אַבענדען, אַלע 3 טהייל צוזאַמען פרייז 25 ק׳.
7) היים משרת, ערצעהלונג פון ד. פינסקי, פרייז 3 ק׳.
8) שטריימיל, ערצעהלונג פון י. ל. פרץ, פרייז 3 ק׳.

### אויסגאבען „צייט־גייסט“:

1) די איביגע מלחמה אין דער נאַטור, פרייז 10 ק׳.
2) דער פערפאַלענער, ערצעהלונגען פון ד. פינסקי, פרייז 10 ק׳.

עס געפינט זיך אין דרוק און קירצליך וועלען ערשיינען:

1) די וואונדערליכע ערפינדונגען פון נײנצענטען יאהרהונדערט (נאָך רובאקין).
2) די לעהרע פון לעבען, 3-טער שיעור, און פיעל אנדערע.

אין די זעלבע בוכהאנדלונג געפינען זיך אלע אנדערע וויסענשאפטליכע און נוצליכע זשארגאָנישע און העברעאישע ווערקע.

אין קורצען וועט ערשיינען:

1) אברהם לינקאלן, ביאָגראפיע.
2) שלמה מיימון, ביאָגראפיע.
3) קליינע ערצעהלונגען פון ד. פינסקי או. א.
4) איבערזעצונגען פון די בעסטע אייראָפעאישע שריפטשטעלער.
5) די מערקווירדיגקייטען פון נײנצעהנטען יאהרהונדערט.

בוכהענדלער קריגען בעדייטענדען ראבאט! בעשטעלונגען ווערען פינקטליך ערפילט!

אדרעסע:

**Buchhandlung A. HASSELNIK, Wilno, Hospitalstr.**

---

## האנדעלס שולע אין זגיערז

## מיט אלע פראוועס!!!

זיך צו ווענדען אויף דיא אדרעססא

Isucher Schwartz, ZGIERŹ, Gouv. Petrokow.

---

## ציוניסטען אוהרען.



מארקע געזעצליך געשיצט.

אוהרען אויס איינער דער בעסטען גענפער אוהרען-פאבריקען. פראכטפאָללעס אויסזעהן, גאראנטירט אויף 6 יאהר פיר דויערהאפטיגקייט אונד פינקטליכקייט אן א שום רעפעראַציע. אויףביידען זייטען דער קאפערטע און אויף דעם ציפערבלאט בעפינדען זיך זעהר שענע עמאלירטע אויפשריפטען לויט אבענשטעהענדער אבבילדונג.

די אוהרען זינד פאבריצירט פון איינער שווייצערישען פאבריק צום אנדענקען דעם באזעלער קאנגרעססעס אונד דאהער בעזאנדערס אללען ציוניסטען צו עמפפעהלען.

נאך פראנקרייך אונד אמעריקא זינד פיעל אוהרען פערקויפט געווארען איך בין זיכער, דאס אלע קויפער ווערדען העכסט צופריעדען זיין.

### פרייז פון ציוניסטען־אוהרען:

שטאהל אנקער איינע זייטע אָפפען ערסטער קוואליטעט 9 רובעל.
„ „ עקסטרא „ 10 „
„ „ביידע זייטען גערעקט „ „ 11 „
„ „ פיר דאמען 10.50 „

זילבערנע אנקער ביידע זייטען גערעקט:

„ שליסעל אויפצוג עקסטרא קוואליטעט 14 רובעל.
„ רעמאנטואר „ „ 15 „
„ פיר דאמען „ 13.50 „

צו יעדער אוהר ווירד צוגעגעבען גראטיס איינע פראכטפאללע קעטטע מיט קאמפאס מגן דוד פון עכטען אמעריקאנישען גאלד. די אוהרען ווערדען געשיקט פר. נאכנאהמע נאך עמפאנג 4 רובעל אנגאבע.

די הויפט־ניעדערלאגע דער ציוניסטען אוהרען פיר גאנץ רוסלאנד און פאלען איז ביי

ש. בודראצקי, ווארשא, גראניצשנא שטר׳ 6.

**Sz. Budrazki, Warszawa, ul. Graniczna 6.**

---

## בקאוונא ובסביבותיה.

סוכן הנני להמליץ והצפירה זה שנים רבות, וגם על שנת 1900 הבע״ל מקבל אני הותמים על מכה״ע הנ״ל, כן גם על מכה״ע דער יוד, השלח ועל הביבליאָטהעק של הוצאות אחיאסף ותושיה, וההותמים ע״י מקבלים את העלים והנומערן ישר מהרדקציות תמידים כסדרם.

כן ימצאו תמיד למכירה בבית מסחר הספרים שלי כל ספרי אחיאסף וספרי תושיה אשר יצאו לאור עד היום הזה.

יצחק הורוויץ — או ה. ל. מייעראָוויץ.